# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**תרומה - פורים**

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**

מכון באר האמונה

זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון

וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות

אין הארות מעלדט אייך צו:


אימייל: Mail@derparshakval.com

טלפון: 1347-871-8285


**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**


©

**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## תרומה - זכור - פורים


יטע בחן אדר - איינפלאַנצן אין זיך מיט אַ שטארקייט דער אמונה אין בוכ"ע ........ א

משנכנס אדר - דאַנקן דעם אויבערשטן נאָך איידער די ישועה ........ ד

ויקחו לי תרומה - מיטן געבן צדקה געבט מען פיל מער פאַר זיך אַליין ........ ו

שבת פרשת זכור - מסוגל צו זרע של קיימא ........ ט

תענית אסתר - אַ טאָג פון קבלת התפלות ........ י

שמח וטוב לב - די סגולה פון שמחה ........ יב

נפשי בשאלתי - אויסניצן דעם טאג מיט תפילה ........ טו

ונתנה תוקף קדושת היום - די קדושה פון יום טוב פורים ........ יט

מקרא מגילה - ביי מגילה לייענען קומט אַראָפּ א שפע פון רחמים און חסדים ........ כה

משתה ושמחה - דער ענין פון 'טרינקן' אין פורים ........ כח

# פרשת תרומה - זכור - פורים

**יטע בהן אדר - איינפלאַנצן אין זיך מיט אַ שטאַרקייט דער אמונה אין בוכ"ע**

**ועשית** מנורת זהב טהור מקשה תיעשה המנורה (כה, לא). **זאָגט** רש"י, "לפי שהיה משה מתקשה בה, אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, השלך את הכיכר לאור והיא נעשית מאליה". וויבאַלד עס איז געווען שווער פאַר משה רבינו ע"ה צו מאַכן די מנורה, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה, ער זאָל אַריינוואַרפן דעם שטיק זילבער אין פייער, און די מנורה ווערט געמאַכט ווערן פון זיך אַליין.

**זאָגט** דער "דברי ישראל" (פרשתינו) אַז רש"י לערנט אונז דאָ אַ יסוד אין אמונה. ווען דער מענטש האָט אַ שוועריגקייט אין אַ געוויסע זאַך, ווי אין פרנסה ("כיכר" לחם...) אָדער אַנדערע ווייטאָגן און פראָבלעמען, און עס איז איהם פאַר שווער אַלעס אויסצוהאַלטן, זאָל ער זיך "אַריינוואַרפן" צוזאַמען מיט אַלע שוועריגקייטן אינעם "פייער"[א], דאָס הייסט, צום אויבערשטען, וואָס ער ווערט אָנגערופן "אש אוכלה", און דאַן "היא נעשית מאליה"[ב], וועט אַלעס שוין ווערן פאַרשטענדליך פאַר'ן מענטש, ווי דער פסוק

---

**א.** אַ חשוב'ער מגיד מישרים שליט"א האָט געזאָגט אַ וואונדערליכן רמז אויף די ווערטער "אני מאמין". די צוויי ווערטער לייענען זיך אויפ'ן זעלבן וועג אויך פאַרקערט אויב מ'לייגט דעם אות אל"ף פון אָנהייב פון וואָרט "אני", צום סוף פון וואָרט "מאמין". דאָס לערנט אונז, אַז מ'דאַרף גלייבן באמונה שלימה, סיי ווען אַלעס פירט זיך "גלייך", און סיי ווען דער מצב איז פאַרקערט ח"ו. אויך דעמאָלטס דאַרף דער מענטש אויסרופן "אני מאמין", איך גלייב אַז דער אויבערשטער טוט אַלעס פאַר מיין טובה.

דער ראָפשיצער רב זי"ע האָט אַמאָל געדינגען אַ גוי'שן בעל עגלה, וועלכער האָט באַשטימט דעם פרייז פון די רייזע, לויט וויפיל די "פמליא" וועט זיין. עס האָט מתחילה געהייסן אַז עס וועלן פאָרן זעקס מענטשן אויפ'ן וואָגן, אבער צום סוף, זענען געווען זיבן מענטשן אויפ'ן וואָגן (און דאָס איז נישט געווען אין גדר פון "גזל עכו"ם" ח"ו, נאָר "טעות עכו"ם", ווי מיר וועלן באַלד זעהן).

אַלזאָ, איידער מ'האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג, האָט דער בעל עגלה איבערגעציילט די צאָל מענטשן, און אָט זעהט ער זיבן מענטשן זיצן אויפ'ן וואָגן... האָט ער זיך צעבייזערט אויף די "חוצפה" אַרויפצונעמען אויפ'ן וואָגן איין מענטש מער ווי מ'האָט אָפּגעמאַכט פון פריער. דער ראָפּשיצער רב זי"ע וועלכער איז געווען באַקאַנט אַלס "חכימא דיהודאי" איז אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן און האָט אָנגעהויבן ציילן די רייזנדע, ווייזנדיג פאַר'ן בעל עגלה אַז דאָ זענען נאָר דאָ זעקס מענטשן... (ווייל דער ראָפּשיצער רב אַליין איז דאָך דעמאָלטס נישט געזעסן אויפ'ן וואָגן). דער גוי האָט זיך באַרואיגט, און האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין אָרט, פאָרנט פונעם וואָגן. דאַן איז אויך דער ראָפּשיצער רב אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן וואָגן.

ווען דער גוי האָט אָבער נאָך אַמאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו זעהן די מענטשן, האָט ער ווידעראַמאָל געזעהן זיבן מענטשן זיצן אויפ'ן וואָגן... איז דער ראָפּשיצער רב ווידער אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן און האָט איהם געוויזן "מיט'ן פינגער" אַז דאָ זיצן נאָר זעקס מענטשן - נישט זיבן... דער גוי האָט זיך ווידער באַרואיגט, און האָט מער נישט נאָכגעקלערט, נאָר זיי געפירט צו זייער ציל. דעמאָלטס האָט דער ראָפּשיצער רב געזאָגט, אַז פון די מעשה לערנען מיר אַ שטאַרקן לימוד, אַז דאָס וואָס ס'זעהט אויס "אונטן", איז נישט דאָס זעלבע וואָס מ'זעהט "אויבן"...

אַזוי איז עס אין לעבן פונעם מענטש. דאָ "אונטן" - אויף דער וועלט - זעהט אַלעס אויס ווי דער היפוך פון גוט ח"ו, אָבער ווען מ'איז זיך מתבונן "פון אויבן", זעהט מען די גרויסע אמת'ע טובה וואָס איז באַהאַלטן אין יעדע פּאַסירונג. דער מענטש דאַרף נאָר גלייבן אין דעם אויבערשטען, און אין זיין השגחה פרטית אויף יעדן פרט.

הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א האָט געזאָגט, מענטשן פירן זיך צו זאָגן, ווען איך קוק אויף דער וועלט זעהט עס מיר אויס אַז דאָ, אויף דער וועלט איז נישט דאָ קיין סדר. דאָ שטייט אַ בנין, און דאָ שטייט אַ בוים. איינער איז הויך, און אַ צווייטער איז נידעריג, א.א.וו. דאָ דרייט זיך אַ מענטש אָן פרנסה און פיל מיט צרות רח"ל, און זיין חבר האָט אַן אַנדערן פראָבלעם, אָבער אין הימל, פירט זיך אַלעס אויף אַ "מסודר'דיגן" אופן. די זון גייט שיינט אויף אין אַ געוויסע שעה, און די שטערן אין זייער צייט וכו', אָבער באמת איז דאָס נאָר אויבנאויף פאַר

דעם וואָס קוקט אויף דער וועלט "פון אונטן", אָבער ווען מ'זיצט אויפ'ן עראָפּלאַן, זעהט מען אַז אַלעס איז מיט אַ וואונדערליכן סדר. אַזוי אויך ווען דער מענטש קוקט "פון אויבן" מיט די געהעריגע אמונה, זעט ער אַז אַלעס איז יאָ מיט אַ וואונדערליכן סדר און חשבון...

**ב.** דער אמת איז, אַז פרנסה קויפט מען נישט מיט חכמה, נישט מיט כשרונות, און לויט ווי "אַקטיוו" מ'קען זיין, נאָר אַלעס איז פון דעם אויבערשטען. יעדער איינער פון אונז קען עדות זאָגן וועגן זייער קלוגע מענטשן, "חכמים" ממש, וואָס די גאַנצע "חכמה" וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין זייערע געשעפטן, האָט זיי נאָר געברענגט שאָדנס, און פון דער צווייטער זייט, ווייסן מיר פון פולשטענדיגע שוטים וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו מאַכן "טעותים" און נאַרישקייטן אין זייערע געשעפטן. זיי האָבן נישט פאַרפעלט אַפילו איין טעות, אָבער דאָס אַלעס האָט זיי נאָר גרויס און רייך געמאַכט. זעהט מען פון דעם, אַז דאָס רייכטום אָדער אָרימקייט איז נישט פון דעם מענטש, נאָר פון אַ "כרוז" וואָס מ'רופט אויס אין הימל, "דער מענטש זאָל זיין אָרים", "דער מענטש זאָל זיין רייך".

מיר האָבן געהערט פון אַ חשוב'ן רב אין אַמעריקע וועלכער געבט זיך אָפּ מיט אַרויסהעלפן מענטשן אין ענינים פון רפואה, אַז אַמאָל האָט איינע פון זיינע באַקאַנטע געליטן אַ האַרץ אַטאַקע ל"ע. ווען די "חברה הצלה" וואָס זענען שנעל געקומען איהם ראַטעווען, האָבן איהם באַטאַפּט די "פולס", האָט דער "פּאַציענט" זיך אָנגערופן: "איך האָב דאָך געליטן אַ האַרץ אַטאַקע, פאַרוואָס טאַפּט איר מיין האַנט, וועלכע איז, ברוך ה', געזונט?!...". האָבן די "הצלה" מענטשן איהם געענטפערט, "ריכטיג, טאַקע, די האַנט איז ב"ה געזונט, אָבער אויב מ'וויל וויסן דעם מצב פונעם האַרץ, דאַרף מען קודם אונטערזוכן די האַנט"...

לויט דעם האָט דער רב געטייטשט דעם פסוק אין דער הייינטיגער סדרה (כה, ב) "מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי", אויב דו ווילסט וויסן ווי ווייט זיין נדיבות הלב דערגרייכט, "תקחו את תרומתי", זאָלט איר פרובירן נעמען פון איהם אַ נדבה, און אַזוי וועט איר קענען זעהן וואָס פאַראַ האַרץ ער האָט...

דאָס זעלבע קען מען זאָגן בנוגע דעם ענין פון אמונה. לויט וויפיל דער מענטש באַשעפטיגט זיך מיט זיינע "הענט" פאַר זיין פרנסה, אַזוי קען מען זעהן וואָס עס טוט זיך אין זיין קאָפּ. צו ער פאַרשטייט אין האַרץ און אין מוח אַז זיינע הענט זענען נישט מער ווי שלוחים פון דעם אויבערשטען איהם צו ברענגען זיין פרנסה, אָדער חלילה פאַרקערט.

וואונדערליכע ווערטער שרייבט הרה"ק בעל "אמרי נועם" זי"ע (פרשתינו, אות כ'), מיר זעהען אַז דער הויפט חיות און די באַוועגונגען פונעם מענטש דערקענען זיך אין זיינע הענט און פיס, און אין זיין צונג, וועלכע ער רירט יעדע מינוט, און זיי שטעלן צו פאַר איהם אַלע זיינע באַדערפענישן. אָבער ווען מ'איז זיך מתבונן פאַר אַ מינוט, זעהט מען אַז דער הויפט חיות פון מענטש איז אין זיין האַרץ און מוח, און זיי זענען די וואָס "פירן" אַלע טיילן פונעם מענטשליכן קערפּער (אָך און וויי פאַר דעם וואָס האָט חלילה אַפילו אַ קליין לעכל אין מוח אָדער אין האַרץ, ווייל פון זיי נעמען אַלע רמ"ח איברים און שס"ה גידים זייער חיות). עס וועט נישט העלפן פאַר קיינעם זיינע "געלונגענע הענט", אויב זיין האַרץ קלאַפּט חלילה נישט ריכטיג. די הענט און פיס און די צונג זענען נאָר דרויסנדיגע איברים, און ס'איז פשוט אַז נישט די "האַנט" טוט אַלעס, נאָר דער מח איז דער וואָס טוט עס, דורך דער פאַרמיטלונג פון די האַנט.

דאָס איז אַ משל פאַר'ן מענטש, וואָס עס זעהט איהם אויס ווי "ער" איז דער וואָס טוט אַלעס, און "כוחו ועוצם ידו עשו לו את החיל הזה", אָבער באמת, דער וואָס "אַקטיוויזירט" אַלע סיסטעמען פונעם מענטשליכן קערפּער, איז דער באַשעפער, וואָס ווערט גערופן "צור לבבי וחלקי אלקים לעולם" (תהלים עג, כו). דער אויבערשטער כביכול איז דאָס "האַרץ", וואָס גיט לעבן פאַר אַלע באַשעפענישן, און אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט זענען נישט מער ווי די "הענט" וואָס טוהען דעם רצון פון מח און פונעם האַרץ.

לויט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק אנהייב סדרה, "ויקחו לי תרומה", די הויפּט-עבודה פון אַ איד איז צו וויסן אַז זיין הצלחה ("תרומה" איז פון לשון אויפהייבונג, "התרוממות"), קומט נישט פון זיין אייגענעם כח, נאָר פון דעם אויבערשטען. זאָגט דער פסוק: ויקחו "לי" תרומה, זיי זאָלן נעמען און אָנהענגען אויף מיר די גאַנצע דערהייבונג וואָס זיי האָבן. אַ ראיה דערצו האָסטו, "מאת כל איש" - פונקט אַזוי ווי די מעשים פון מענטש אַליין, דערקענט מען נישט פון דרויסן ווער עס גיט איהם חיות און כח, ווייל דאָס "האַרץ" זעהט מען דאָך נישט אינדרויסן, מ'דערקענט אויפ'ן מענטש נאָר אויסערליכע באַוועגונגען. פון דעם קענסטו פאַרשטיין אַז אויך מיר זענען נישט מער ווי "כגרזן ביד החוצב", און ווי אויסערליכע, דרויסנדיגע איברים, וואָס טוהען אַלעס מיט'ן כח פון דעם אויבערשטען: "צור לבבי וחלקי".

זאָגט (תהלים נה, כג) "השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך"[ג].

**די** גמרא זאָגט (ביצה טו:) "הרוצה שיתקיימו נכסיו יטע בהן אדר", דער מענטש וואָס וויל אַז זיינע פאַרמעגנס זאָלן זיך האַלטן, זאָל ער איינפלאַנצן אַ בוים וואָס הייסט "אדר", און די גמרא ברענגט אויף דעם אַ פסוק (תהלים צג, ד) "אדיר במרום ה'". זאָגט רש"י, אַז "אדר" איז "לשון חוזק" - שטאַרקייט.

**זאָגט** דער "שפת אמת" זי"ע (לר"ח אדר, ד"ה ר"ה) אַז דאָ איז מרומז, הרוצה "שיתקיימו נכסיו", דער מענטש וואָס וויל אַז זיינע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע פאַרמעגנס זאָלן זיך האַלטן. זאָל ער איינפלאַנצן "אדר - לשון חוזק", דאָס הייסט, ער זאָל זיך שטענדיג שטאַרקן, צו וויסן אַז "אדיר במרום ה'", עס איז דאָ אַן אַלמעכטיגער באַשעפער אין הימל, וואָס פירט די גאַנצע וועלט, און דאַן וועט דער מענטש מצליח זיין אין אַלע זיינע וועגן.

**דער** "בני יששכר" (כסלו, מאמר ד', אות פג) טייטשט די ווערטער "יטע בהן אדר", אַז עס איז מרמז אויף חודש אדר. דער מענטש וואָס וויל אַז זיינע פאַרמעגנס זאָלן זיך האַלטן, זאָל ער איינפלאַנצן און אַריינלייגן אין זיינע פאַרמעגנס דעם לימוד וואָס מ'לערנט אַרויס פון חודש אדר, ווען אַלע ניסים וואָס האָבן פּאַסירט מיט די אידן אין די צייטן פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה, זענען געווען איינגעהילט אין "טבע". דער מענטש וואָס האַנדלט, און ער טראַכט ביי זיך "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה", ווייל עס איז געווען דער "דרך הטבע" אַז איך זאָל אויסקלייבן יענעם מסחר, און אין יענעם אָרט, אויף אַזאַ אופן וועלן זיינע פאַרמעגנס חלילה נישט האָבן אַ קיום, אָבער אויב ער וועט געדענקען אַז אַלעס איז נישט מער ווי איינגעהילט אין די טבע, און דער אויבערשטער פירט באמת אַלעס אויף דער וועלט, אַזוי ווי עס איז געווען אין חודש אדר, דאַן "יתקיימו נכסיו" - וועלן זיינע פאַרמעגנס האָבן אַ קיום.

**לויט** דעם טייטשט דער "בני יששכר" דאָס וואָס די גמרא ברענגט דעם פסוק "אדיר במרום ה'", ווייל דער שם "אלוקים" איז מרמז אויף די הנהגה פון טבע, און דער שם הוי' ברוך הוא ווייזט אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה פרטית אויף די גאַנצע וועלט, און ער איז דער "מהוה כל הוויות". אויף דעם זאָגט דער פסוק אדיר במרום "הוי"ה", דער אויבערשטער פירט די גאַנצע וועלט מיט השגחה פרטית, אויף דעם אופן ווי ער וויל עס פירן. ווען דער מענטש איז זיך מתבונן אַז "אדיר במרום ה'", האָבן זיינע פאַרמעגנס אַ קיום.

---

**ג.** אַ היימישער סופר סת"ם פון אַמעריקע, דערציילט די פאָלגענדע געשיכטע: אין אַ קהילה נעבן מאָנסי, האָבן די מתפללים אויסגעגעבן צענדליגער טויזנטער דאָלאַרן כדי איבערצובויען די שול, אויף אַ הערליכן אופן. זיי האָבן אַריינגעלייגט גרויס האָרעוואַניע, אויפצובויען אַ פּרעכטיגע ביהמ"ד. דערנאָך האָט דער ראש הקהל באַשלאָסן אויך אַריינצולייגן געלט צו פאַררעכטן די ספר תורה. ער האט זיך פארבינדן מיט דעם סופר, און האָט איהם באשטעלט ער זאָל קומען זעהן די ספר תורה.

ווען דער סופר האָט באַקוקט דאָס ספר אויבנאויף, איז ער באַלד דערציטערט געוואָרן זעהענדיג אַז די ספר תורה איז פסול בתכלית, און עס פאָדערט זיך אַ סאַך טעג פון האָרעוואַניע צו פאַררעכטן דעם ספר. דער סופר האָט אָנגעבאָטן פאַר'ן ראש הקהל צו פאַררעכטן דאָס ספר פאַר 5,000 דאָלאַר. דער ראש הקהל, וועלכער האָט אויסגעגעבן אַ סאַך געלט צו פאַרשענערן דעם אויסזעהן פון דער שול, האָט נישט געוואָלט אויסגעבן פאַר די ספר תורה, מער ווי 500 דאָלאַר. האָט דער סופר זיך פאַרבונדן צו זיינס אַ חבר, אויך אַ סופר, און איהם געזאָגט: "לויט דעם אויסזעהן פון דעם ראש הקהל און זיין קהילה, ווייזט עס מיר אויס, אַז אויב מיר וועלן נישט פאַררעכטן די ספר תורה, וועלן זיי לייענען דערין נאָך אַ סאַך יאָרן, טראָץ דעם וואָס ס'איז פסול בתכלית. לאָמיר, אַלזאָ, ביידעביישטייערן פון אונזער צייט, און צוזאַמען פאַררעכטן דאָס ספר, פאַר די פינף הונדערט דאָלאַר וואָס ער איז גרייט צו באַצאָלן, דער אויבערשטער וועט אונז זיכער באַצאָלן דערפאַר אַ שכר".

געזאָגט און געטוהן. ביידע סופרים זענען געזעסן לאַנגע שטונדן און געאַרבעט צו פאַררעכטן די ספר תורה, מ'זאָל קענען לייענען דערין כדת וכדין. שפּעט ביינאַכט, ווען זיי האָבן געענדיגט די אַרבייט, האָבן ביידע זיך אַרויסגעלאָזט אויפ'ן וועג אַהיים. אינמיטן וועג, האָבן זיי געזוכט אַ בית הכסא, און בלית ברירה, זענען זיי אַריינגעגאַנגען

**משנכנס אדר - דאַנקן דעם אויבערשטן נאָך איידער די ישועה**

די גמרא זאָגט (תענית כט.) "משנכנס אדר מרבין בשמחה"[ד]. ווען עס קומט אָן חודש אדר, דאַרף מען זיין פריילך. דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז מען מרבה בשמחה ווען דער חודש "קומט אַריין"? דעמאָלטס זענען דאָך די אידן נאָך געווען אין אַ צרה,

---

אין אַ גוי'שן בית הקברות. ביים טויער פונעם "סעמעטערי", האָט דער וועכטער זיי אויסגעפרעגט, זייערע נעמען און זייער וואוין-אָרט. לכתחילה האָבן די סופרים זיך געוואונדערט אויף די "חקירה ודרישה" וואָס מ'שטעלט זיי דאָ, אָבער צוליב דער נויטווענדיגקייט דערפון, און וועלנדיג אַריינקומען דורכ'ן טויער, האָבן זיי איהם געגעבן זייערע פרטים.

עטליכע וואָכן שפּעטער, האָבן ביידע סוחרים באַקומען בריוו פון אַדוואָקאַטן, וואו מ'לאָזט זיי וויסן אַז זיי דאַרפן אַריבערקומען אין אַדוואָקאַטן-אָפיס אַ געוויסן טאָג. זיי האָבן זיך שטאַרק געוואונדערט, וואָס זיי האָבן זיך דאָ "פאַרזינדיגט" אַז מ'קוקט זיי נאָך. צום באַשטימטן טאָג זענען ביידע סופרים אָנגעקומען, און מ'האָט זיי איינגעמאָלדן אַז אין דער צייט ווען זיי זענען אַריין אין דעם קריסטליכן בית הקברות, איז דאָרט פאַרגעקומען אַ לוי' פון אַ רייכן גוי, וועלכער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער, און ער האָט געשריבן אין זיין צוואה, צו פאַרטיילן זיין גאַנץ פאַרמעגן גלייך אויף גלייך, פאר די מענטשן וואָס האָבן זיך באַטייליגט אין זיין לוי'. "וועגן דעם האָט מען אייך געפרעגט ביים טויער פונעם בית הקברות ווי איר הייסט, און וואו איר וואוינט, ווייל איר ווערט אויך פאַררעכנט אַלס "באַטייליגטע" אין די לוי'... מ'האָט זיי דערלאַנגט אַ טשעק פון 62 טויזנט דאָלאַר (מער ווי 12 מאָל אַזוי פיל ווי די סומע וואָס זיי וואָלטן באַקומען פון די קהילה, אויב מ'וואָלט זיי געצאָלט די פינף טויזנט דאָלאַר וואָס זיי האָבן לכתחילה פאַרלאַנגט), **און עס** איז פאַרווירקליכט געוואָרן ביי זיי די הבטחה פון די חז"ל (דב"ר פ"ד, ה) "אין אדם שומע לי ומפסיד". עס איז נישט שייך אַז מ'זאָל פאָלגן דעם אויבערשטען, און שאָדן האָבן דערפון.

**ד.** דריי ברידער האָבן געהאַט אַ שותפות אין אַ געשעפט, און זענען געפאָרן האַנדלען אין כינע. דאָרט האָבן זיי געזוכט אַ האָטעל צו דינגען אַ צימער וואו איינצושטיין, אָבער זיי האָבן נאָר געטראָפן אַ צימער אויפ'ן נײַנציגסטן שטאָק. בלית ברירה, האָבן זיי באַשטעלט דעם צימער.

אין לויף פון דער וואָך, האָבן זיי גענוצט דעם "עלעוועיטאָר", מיט וועלכן מ'קען מקיים זיין "יעלו שמים ירדו תהומות" אין געציילטע מינוטן, אָבער פרייטאָג צו נאַכטס, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון שול צום האָטעל, האָבן זיי זיך געפונען אין אַ דילעמע: ווי אַזוי קריכט מען אַרויף נײַנציג שטאָק צופיס? מ'טאָר דאָך נישט מחלל שבת זיין דורך פאָרן מיט'ן עלעוועיטאָר? אַזוי זענען זיי געשטאַנען אינעם "לאבי" ווי מאַכטלאָז. ווי אַזוי וועלן זייערע פיס זיי טראָגן ביז'ן הימל?... ווי אַזוי וועלן זיי זיך קענען אַזוי אויסמאַטערן?

האָבן זיי זיך מיישב געווען, דער אויבערשטער האָט געבענטשט יעדן איינעם פון אונז מיט אַ זעלטענעם כשרון. "ראובן" איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ זיס קול, וואָס ציט די הערצער פון זיינע צוהערער ביז עס נעמט זיי ארויס פון זייער 'וועלטל' אזש אז זיי שפירן גאָרנישט. דאַקעגן, "שמעון" איז אַ יחיד מומחה צו זאָגן ווערטלעך, און "לוי" איז אַ "פה מפיק מרגליות", וועלכער קען "כיד ה' הטובה עליו", אָפּמאָלן זיינע ווערטער מיט אַזאַ מתיקות, ביז ער נעמט די צוהערער צו "אַנדערע" ערטער...

אַלזאָ, ס'איז אָפּגעשמועסט געוואָרן אַז אַרויפגייענדיג די ערשטע 30 שטאָק, וועט "ראובן" זינגען, און זייענדיג פאַרנומען צו הערן זיינע זמירות, "לשמוע אל הרנה ואל התפילה", וועלן זיי נישט שפירן די שווערקייט פון אַרויפגיין די 30 שטאָק. דערנאָך וועט "שמעון" לאָזן הערן זיינע ווערטלעך, וואָס ברענגען אַרויף אַ שמייכל אויפ'ן פנים, און אַזוי וועט מען קענען אַרויפגיין נאָך 30 שטאָק. צום סוף, וועט "לוי" האָבן דעם כבוד צו לאָזן הערן זיינע ווערטער, ביז זיי וועלן אַרויפקומען, בשעה טובה ומוצלחת, צום 90'סטן שטאָק.

אַזוי האָבן זיי געטוהן. ראובן האָט געזינגען, און אַזוי האָבן זיי געקענט אַרויפגיין "לייכט", דרייסיג שטאָק. דערנאָך האָט "שמעון" אָנגעהויבן מיט זיינע ווערטלעך, און זיי האָבן אינגאַנצן נישט געשפּירט ווי זיי שטרענגען זיך אָן. צום סוף, האָט "לוי" אָנגעהויבן דרש'ענען, ביז זיי זענען אָנגעקומען צום אַכציגסטן שטאָק. דאָרט זענען זיינע "קוואַלן" פאַרשטאָפּט געוואָרן... ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען אַ שטאַרק "וואָרט", אָדער אַ שיינע מעשה... האָט ער געבעטן די אַנדערע צוויי ברידער, זיי זאָלן איהם "עפּעס" דערמאָנען, כדי זיי זאָלן קענען אַרויפגיין נאָך העכער. די ברידער האָבן "בייגעשטייערט" פון זייערע ידיעות, און אַזוי האָבן זיי פאַרגעזעצט אַרויפצוקריכן ביז'ן 87'סטן

די חז"ל וואָלטן ענדערש געדאַרפט זאָגן "משיצא אדר מרבין בשמחה", ווייל ביים סוף פונעם חודש האַלט מען שוין נאָך די ישועה. ענטפערט דער מאָדזשיצער רבי, הרה"ק רבי שאול ידידי' אלעזר זצ"ל, אַז דייקא "בשעת די צרה" דאַרף מען זיין בשמחה. דאָס איז דער בעסטער וואָפען פאַר אידישע קינדער.

**ער** ברענגט אין נאָמען פון זיין פאָטער, הרה"ק בעל "דברי ישראל" זצ"ל פון מאָדזשיץ, אויפ'ן פסוק (תהלים קו, מד) "וירא בצר להם בשמעו את רנתם". איז שווער, ביי אַ צרה זינגט מען נישט. דער פסוק וואָלט ענדערש געדאַרפט זאָגן "בשמעו את צעקתם", ווען ער האָט געהערט זייער געשריי. ענטפערט דער "דברי ישראל", ווייל דער פסוק זאָגט (שמות טו, כ) "ותצאן כל הנשים אחריה בתופים ובמחולות". פרעגט דער מדרש, פון וואו האָבן די ווייבער גענומען אין מדבר, פויקן צו שפילן ביים זינגען שירה? ענטפערט דער מדרש, די אידישע נשים צדקניות זענען געווען זיכער ביי זיך, אַ דער אויבערשטער וועט באַווייזן נסים, און זיי האָבן אַרויסגענומען פויקן פון מצרים. אויף דעם זאָגט דער פסוק, "וירא בצר להם בשמעו את רנתם". דער אויבערשטער האָט געזעהן אַז ווען די אידן זענען נאָך געווען אין די צרה ("בצר להם"), האָבן זיי שוין גענלאָזט הערן זייער שירה, און וועגן דעם האָט ער זיי געהאָלפן.

**פון** דעם קען זיך יעדער מענטש אַראָפּלערנען ווען ער געפינט זיך אין אַ צרה ח"ו, אַז אויב ער וועט זינגען אויף די ישועה וואָס איז אָנגעגרייט צו קומען, וועט דער אויבערשטער איהם טאַקע העלפן. און אויף דעם זאָגן חז"ל, "משנכנס אדר מרבין בשמחה". נאָך איידער עס קומט די ישועה, דאַרף מען שוין זיין פרייליך, ווייל די שמחה אַליין וועט דערנענטערן די ישועה[ה].

---

שטאָק. דאָרט האָט "לוי" זיך ווייטער געבעטן: "ברענגט מיר אַ מעשה... ווייל איך קען שוין קוים אַרויפקריכן די לעצטע 3 שטאָק". צום סוף האָט ער זיך אַליין דערמאנט:

- עס זענען געווען דריי ברידער וואָס האָבן געדאַרפט אַרויפגיין 90 שטאָק, און אָנקומענדיג צום 87'סטן שטאָק, האָבן זיי זיך דערמאנט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן "אונטן" דעם שליסל פונעם צימער...

לענינינו, די יעצטיגע טעג פון חודש אדר זענען פרייליכע טעג, ווען מ'קען זיך דערהייבן אָן אַ גרעניץ. אויך דער אויבערשטער עפענט זיינע אוצרות משפיע צו זיין אויף אונז, ביז מיר וועלן מיד ווערן צו זאָגן "די" - גענוג. מ'טאָר אָבער נישט פאַרגעסן דעם "שליסל"... דאָס מיינט, דער "שליסל" זיך צו דערהייבן, געפינט זיך אין אונזערע הענט. עס ווענדט זיך נאָר אין אונז, צו מיר וועלן עפּעס אויפטוהן, אָדער מיר וועלן בלייבן אויסגעשפילט ח"ו, ווי פאַרגאַנגענעם יאָר. מיר טאָרן נישט אַרויפקריכן שטאָקן און שטאָקן, און איבערלאָזן דעם שליסל "אונטן", ווייל וואָס וועלן מיר פאַרדינען פון די אַלע געהויבענע זמנים, אויב מיר וועלן צום סוף דאַרפן אַראָפּגיין נעמען דעם "שליסל" און בלייבן דאָרט מאַכטלאָז ח"ו.

אגב, אַז מ'רעדט שוין וועגן כינע, איז כדאי אַרויסצוברענגען נאָך אַ נקודה. ס'איז באַקאַנט אין דער גאַנצער וועלט, אַז די שרעקליכע "קאָראָנאַ" מגיפה וואָס בושעוועט אין די יעצטיגע טעג, האָט זיך אָנגעהויבן אין כינע, וועלכע האָט פאַרמאַכט אירע טויערן, און קיינער וועט נישט וואַגן אַהין צו פאָרן. אפילו די בעלי בתים, וועלכע פאָרן אָפּט מאָל קיין כינע האַנדלען, דערווייטערן זיך פון דאָרט, ווי פון אַ פייער. אויב איר וועט פרעגן יעדן איינעם פון די סוחרים, ווי אַזוי קענסטו זיצן רואיג אינדערהיים, דו דאַרפסט דאָך האָבן פרנסה?... דער וואָס וועט פרעגן אַזאַ פראַגע, וועט באַצייכנט ווערן ווי אַ טיפּש, ווייל ווי קומט פרנסה צו אַ מענטשן'ס לעבן, וואָס איז פיל וויכטיגער.

אויב אַזוי, דאַרף אונז פילפאַכיג מער וואונדערן אויף די מענטשן וואָס האָבן אין זייער רשות די "כלים", וואָס זענען נישט ווייניגער "ספק נפשות" ווי די מגיפה וואָס בושעוועט. פאַרוואָס טוט דאָ די "נויט פון פרנסה" יאָ אַראָפּפירן דעם מענטש פון שכל? "שומר נפשו ירחק מהם"!

**ה.** די ספרים הקדושים רעדן טאַקע אַרום באַריכות, אַז דאָס לויבן דעם אויבערשטען פאַר אַלע חסדים וואָס ער טוט מיט אונז, איז ממשיך אויפ'ן מענטש אַ שפע פון גרויסע ישיעות.

אַ וואונדערליכע מעשה האָט מיר דערציילט אַ יונגערמאַן פון ניו יאָרק, צוויי יאָר צוריק, וועגן אַ נס וואָס האָט פאַסירט מיט זיין טאָכטער. צען גאַנצע יאָר ליידט זיך פון שוועריגקייטן ביים אָטעמען ל"ע (צוליב אַ "פייכטקייט" אין איר האַלדז). די עלטערן האָבן איר שוין גענומען צו אַ סאַך דאָקטוירים, אָבער קיינער האָט נישט געוואוסט צו זאָגן פון

**ויקחו לי תרומה - מיטן געבן צדקה געבט מען פיל מער פאַר זיך אַליין**

**דבר** אל בני ישראל ויקחו לי תרומה, מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי (כה, ב).

**דבר** בעיתו מה טוב, שטייענדיג ביים שוועל פון די הייליגע יום טוב פורים, אַ זמן ווען כלל ישראל איז מקיים אויף אַזאַ גרויסן פאַרנעם דעם 'כל הפושט יד נותנים לו', דינט די פרשה פון צדקה די וואך, אַלס אַ ריכטיגע הכנה צום הייליגן יו"ט.

**מיר** ווייסן דאך אז די הייליגע תורה איז אויף אייביג, ממילא איז זיכער אַז די גאַנצע פרשה פון תרומה איז שייך אויך אין אונזער דור, לגבי נדבה און צדקה אין אַלגעמיין. דער אויבערשטער האָט אָנגעזאָגט די אידן "ויקחו לי תרומה". דו זאָלסט נעמען פאַר מיר אַ "תרומה" פון געלט און מעשים טובים, און גיב אַוועק פאַר אַ צוויטן פון דיינעם צו דיין חבר. דו זאָלסט טוהן צדקה וחסד מיט אָרימעלייט, און דו וועסט באַקומען דערפאַר אַ גרויסן שכר[ו].

**ספּעציעל** איז דאָס געזאָגט געוואָרן לגבי חודש אדר, דער חודש פון שמחה, ווי דער "שפת אמת" זאָגט (שקלים תרל"ד) אַ טעם פאַרוואָס "באחד באדר משמיעין על השקלים" (שקלים פ"א מ"א), ווייל די גמרא זאָגט (תענית כט.) "משנכנס אדר מרבין בשמחה". דורך דעם וואָס מ'גיט צדקה פאַר אַנדערע מענטשן, איז מען זוכה צו זיין בשמחה[ז].

---

וואו עס שטאַמט די מחלה. אדרבה, וואָס מער מ'איז געגאַנגען צו דאָקטוירים, איז די רעטעניש געוואַקסן. קיינער האָט נישט געקענט געבן אַ געהעריגן ענטפער פאַרוואָס עס האָט פּאַסירט, און ווי אַזוי מ'קען היילן דאָס יונגע מיידל. אויך ווען די פּראָפעסאָרן האָבן איר געשיקט קיין אריזאָנאַ וואו די לופט איז זייער טרוקן, האָט עס געהאָלפן נאָר איין וואָך, אין דער צייט וואָס זיי זענען דאָרט געווען דריי גאַנצע וואָכן.

צום סוף, האָט דאָס מיידל גענומען אויף זיך אַ קבלה, אַז יעדע נאַכט, פאַר'ן גיין שלאָפן, וועט זי אַריינשרייבן אין אַ העפט צען גוטע זאַכן וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט איר יענעם טאָג, און פאַר דעם וועט זי לויבן און דאַנקען דעם אויבערשטען, דער "גומל חסדים טובים", פאַר די טובות וואָס ער האָט געטוהן מיט איר יענעם טאָג.

און וואונדער איבער וואונדער: אינעם איין און פערציגסטן טאָג, האָט זי אַריינגעשריבן אין איר העפט, אַז זי האָט אָנגעהויבן אָטעמען כאחד האדם, און אַלע אירע ווייטאָגן און שוועריגקייטן זענען פאַרשוואונדן, ווייל די בעסטע און ווירקזאַמסטע סגולה איז, ווען דער מענטש "הייבט אויף דעם קאָפּ" און זעהט ווי דער אויבערשטער טוט מיט איהם וואונדער יעדע מינוט פון טאָג. די הודאה איז דער טויער צו די ישועה.

**ו.** דער יעב"ץ שרייבט ("מגדל עוז", נחל יג, אות יז) אַז מ'טאָר נישט פאַרגעסן איינצולאַדן אָרימעלייט צו עסן, כדי נישט צו געבן אַ אָרט פאַר'ן מקטרג ח"ו. ס'איז נישט אַ מצוה צו געבן עסן פאַר רייכע לייט, און אַפילו אברהם אבינו ע"ה איז געפּרובט געוואָרן ביי די עקידה צוליב דעם וואָס ער האָט געפּראַוועט אַ גרויסע סעודה פאַר די גדולי הדור ווען ער האָט זיך גע'מל'עט. ער האָט נישט געטראָפן אָרימעלייט, דעריבער האָט ער געדאַרפט געדענקען צו ברענגען אַ קרבן, אָבער מיר, וואָס מיר האָבן נישט קיין קרבנות און עס טרעפן זיך אָרימעלייט, איז אַ פשוט'ע זאַך אַז עס איז אַ גרויסער חיוב איינצולאַדן די אָרימעלייט פריער פאַר אַנדערע. "ואין לך קרבן חביב להקדוש ברוך הוא מזה", דער אויבערשטער האָט נישט אַ מער באַליבטן קרבן ווי דאָס, וכו' (אַז מ'גיט צו עסן פאַר אָרימעלייט). דעריבער, דאַרף מען זיך אָנשטרענגען אין דעם ענין, יעדער איינער לויט זיינע מעגליכקייטן.

**ז.** אַ רייכער חסיד, איז ב"ה געבענטשט געוואָרן אויך מיט גוטע קינדער, און אין אַלגעמיין האָט איהם גאָרנישט געפעלט. איין זאַך האָט איהם אָבער יאָ געפעלט: נאָר איין זאַך - די מדה פון שמחה. האָט ער זיך אָפּגערעדט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל "בית ישראל" זי"ע, אַז עס פעלט איהם שמחת החיים. האָט דער "בית ישראל" איהם געזאָגט, "קורץ און שאַרף": "פתחת שקי ותאזרני שמחה", זאָלסט עפענען דיין 'זעקל' (בייטל מיט געלט) צו טיילן צדקה פאַר אָרימעלייט, און דאַן וועסטו זעהן אַז דו וועסט זוכה זיין צו די "סיפא" פונעם פסוק, "ותאזרני שמחה" - דו וועסט האָבן שמחה. ווייל אַזוי איז די טבע פון די וועלט, אַז דער מענטש וואָס גיט פאַר אַנדערע אידן, איז מסיח דעת פון זיינע אייגענע באַדערפענישן, און אַזוי קען חל זיין אויף איהם שמחה...

די מצוה פון צדקה איז שייך אויך פאַר איינעם וואָס פאַרמאָגט נישט קיין געלט, ווי עס שטייט אין ספר חסידים (סי' תרי"א) אַז וועגן דעם שטייט צוויי מאָל אין ספר משלי, דער פסוק "וצדקה תציל ממות" (י, ב; יא, ד) כדי דיך צו לערנען, אַז צדקה איז שייך נישט נאָר ביי געלט, נאָר יעדער מענטש וואָס פאַרמאָגט נישט קיין געלט, און ער זאָגט פאַר אַנדערע זיי זאָלן געבן צדקה, ווערט עס איהם אויך גערעכנט ווי צדקה, און אַפילו מער פון דעם, ווי די חז"ל זאָגן (ב"ב ט.) "גדול המעשה יותר מן העושה".

**צוליב** דעם שטייט צוויי מאָל "וצדקה תציל ממות"[ח], איין פסוק גייט ארויף אויף מענטשן וואָס געבן צדקה מיט געלט, און דער צווייטער פסוק גייט אויף דעם וואָס באַווירקט אַנדערע צו טיילן צדקה. ביידע זענען מסוגל צו ווערן געראַטעוועט פון אַלעם בייזן[ט].

**צדקה** ברענגט רייכטום, ווי דער "כלי יקר" זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (כה, כג-כו) "ועשית שלחן עצי שטים וגו' ועשית לו ארבע טבעות זהב". די טבעות זענען געווען רינדיג. דאָס איז אַ רמז, אַז דער מענטש דאַרף געדענקען אַז די הצלחות אויף דער וועלט זענען אַ "גלגל החוזר בעולם", אַזוי ווי דאָס רינגל וואָס איז רינדיג. דער מענטש דאַרף שטענדיג געדענקען אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן איז נישט מער ווי אַ מתנה פון הימל, וואָס דער אויבערשטער קען טוהן דערמיט וואָס ער

---

**ח.** הגה"ח רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ ז"ל ברענגט אַ מורא'דיגע מעשה, וואָס איז פאַרגעקומען ביי הרה"ק בעל "בית אברהם" זצ"ל פון סלאָנים, ווען ער איז געווען אַמאָל פורים אין דער שטאָט לאָדזש, פוילן:

ווען דער "בית אברהם" - וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס אַ "שטיק פייער" - איז געזעסן ביי דער פורים'דיגער סעודה, איז געקומען צו לויפן איינע פון די חסידים אין שטאָט, אַ יונגערמאַן ר' יודל ריבאַק, און מיט גרויסע בכיות דערציילט פאַר'ן רבי'ן, אַז זיין יונגעל איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ הויכן שטאָק און זיין קאָפּ ליגט אויפ'ן שטיין, און די דאָקטוירים שטייען דאָרט און זאָגן, אַז מען זאָל נישט רירן דאָס קינד, ווייל מ'קען נאָר ערגער מאַכן זיין מצב ח"ו.

האָט דער "בית אברהם" (וועלכער פלעגט ביי אַלע הזכרות באַפעלן צו געבן צדקה לעניי ארץ ישראל) געזאָגט פאַר ר' יודל, ער זאָל געבן צדקה פאַר עניי ארץ ישראל. האָט ר' יודל געזאָגט, אַז ער האָט נישט ביי זיך מזומן געלט, און ער קען שרייבן אַ טשעק. פרעגט איהם דער רבי, "אָבער דער טשעק וועט זיין גוט, נישט ווי דאָס פריערדיגע מאָל ווען דו האָסט געגעבן אַ טשעק?". האָט דער איד געוויינט און געזאָגט: "ניין, דער איצטיגער טשעק וועט האָבן דעקונג".

ר' יודל האָט אָפּגעשריבן דעם טשעק, און עס דערלאַנגט פאַר'ן "בית אברהם", האָט דער "בית אברהם" זיך אויפגעהויבן פון אָרט, גענומען אַן עפּעל וואָס איז געלעגן פאַר איהם אויפ'ן טיש, עס געוואָרפן צו ר' יודל, זאָגנדיג: "גיי אַהיים!".

האָט ר' יודל געזאָגט, אַז ער האָט מורא אַהיים צו גיין... ער האָט מורא אַפילו צו טראַכטן וואָס עס טוט זיך אָפּ דאָרט ביי איהם אינדערהיים! זאָגט דער "בית אברהם" נאָך אַמאָל צו ר' יודל: "גיי אַהיים!".

ר' יודל איז אַהיים געגאַנגען (און רבי ישראל שמעון האָט דערציילט, אַז ער איז איהם נאָכגעגאַנגען אַהיים, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע חברים). ווען ר' יודל איז געקומען אַהיים, האָט ער געזעהן ווי דאָס יונגעלע דרייט זיך אַרום אין שטוב, און וויינט...

**ט.** מיר געפינען ביי מכת בכורות, אַז די אידן האָבן געדאַרפט לייגן אַ סימן ביי זייערע הייזער, און אויך זאָגט דער פסוק (שמות יב, כב) "ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בוקר", איר זאָלט נישט אַרויסגיין פון די טיר פון הויז ביז אינדערפרי. דאָס איז דערפאַר ווייל חז"ל זאָגן (ב"ק ס.) "כיון שניתנה רשות למשחית אינו מבחין בין צדיק לרשע", וויבאַלד דער משחית רח"ל האָט באַקומען רשות צו שעדיגן ח"ו, מאַכט ער נישט קיין חילוק צווישן אַ צדיק און אַ רשע. ממילא, האָבן אידן אויך געקענט געשעדיגט ווערן פונעם משחית רח"ל, און דעריבער האָבן זיי געדאַרפט האָבן שמירה פון אויבן.

האָט הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע געפרעגט, אויב דער משחית מאַכט נישט קיין חילוק, פאַרוואָס זענען נישט אויסגעשטאָרבן אַלע מצריים ביי מכת בכורות - אויך יענע וואָס זענען נישט געווען בכורים, וויבאַלד דער משחית מאַכט נישט קיין חילוק? האָט רבי שלמה'קע געענטפערט, אַז די מצריים האָבן געהאַט אַ גרויסן זכות, ווייל זיי האָבן געבאָרגט זייערע גאָלדענע און זילבערנע כלים פאַר די אידן. דער זכות פון וותרנות פון אייגענעם געלט כדי צו טוהן אַ חסד מיט אַנדערע, האָט געשיצט די מצריים פון די פורענות.

פון דעם זעהען מיר, אַז אַפילו אַזעלכע רשעים גמורים ווי די מצריים זענען געווען, זענען געראַטעוועט געוואָרן פון טויט דורך חסד און וותרנות.

וויל, און אויב דער מענטש נוצט זיין געלט צו טוהן גוטס מיט זיין חבר, וועט דער אויבערשטער איהם העלפן און איבערלאָזן אין זיין האַנט דאָס געלט וואָס ער האָט איהם געגעבן אַלס אַ פקדון[י].

**נאָך** אַ רמז אין דעם "טבעת", זאָגט דער "כלי יקר", אַז פונקט ווי דאָס רעדל (דאָס רינגל) האָט נישט קיין סוף. עס דרייט זיך כסדר, אַזוי אויך דער מענטש וואָס גיט צדקה, באַקומען פון הימל שכר אָן אַ סוף[יא].

---

**י.** דער הייליגער רבי ר' זושא פון האניפּאָלי זי"ע האָט געזאָגט, "דער קלוגער נעמט, און דער נאַר געט". דאָס הייסט, דער קלוגער מענטש ווייסט, אַז אַלעס וואָס ער גיט אַוועק פון אַנדערע, איז גאַר "געגומען", ווייל דורך דעם ווערט אויף איהם נתעורר מדת הרחמים, און ער וועט ווערן רייך, אָבער דער נאַר מיינט אַז ער "גיט" פון זיין פאַרמעגן פאַר אַנדערע, און ער האָט "שאָדן".

לויט דעם טייטשן די ספרים דעם פסוק, אָנהייב היינטיגע סדרה (כה, ב) "ויקחו לי תרומה". לכאורה, וואָלט די תורה געדאַרפט זאָגן "ויתנו" לי תרומה. וואָס איז שייך אַ לשון פון "נעמען", ווען מ'גיט תרומה? נאָר דאָס געבן אַליין איז נישט אַנדערש ווי "נעמען", ווייל ווען אַ מענטש געט צדקה, נעמט ער פון די אוצרות פון שפע אין הימל.

ענליכע ווערטער זאָגט דער "שפת אמת", אַז באמת איז נישט שייך אַז אַ מענטש זאָל "געבן" פון זיינעם, ווייל דאָס גאַנצע געלט ווערט דאָך פאַרשריבן פאַר'ן מענטש פון ראש השנה, און אפי' אויב ער וואָלט נישט געגעבן דעם דאָזיגן סכום פאַר צדקה, וואָלט ער עס פאַרלוירן אויף אַן אַנדערן אופן. נאָר די גאַנצע חשיבות פון די נתינה באַשטייט אין דעם וואָס ער "נעמט פון זיך". ער פועל'ט ביי זיך אַליין, דעם געפיל צו געבן פאַר אַנדערע. צוליב דעם שטייט "ויקחו" לי תרומה. איר זאָלט נעמען פון זיך, פון אייערע אייגענע רצונות.

**יא.** דער רבינו בחיי זאָגט (פרשתינו כה, כג) אויפ'ן פסוק "ועשו שולחן עצי שטים". שטי"ם איז ראשי תיבות ש'לום, ט'ובה, י'שועה, מ'חילה. באמת זענען אויך דער ארון און דער מזבח געווען געמאַכט (אויך) פון עצי שטים, ווייל דער ארון און דער מזבח ברענגען אויפ'ן מענטש אַלע דערמאַנטע ברכות.

זאָגט דער רבינו בחיי ווייטער, אַז אויך דער שולחן ברענגט די אַלע טובות, ווייל דורך צדקה און חסד וואָס מ'טוט מיט'ן אייגענעם טיש (געבן עסן פאַר אָרימעלייט) ברענגען די דערמאַנטע ברכות, ווייל די גמרא זאָגט (ברכות נה.) אויפ'ן פסוק (יחזקאל מא, כב) "והמזבח וגו' זה השולחן אשר לפני ה'", זאָגן די חז"ל, אַז דער פסוק האָט אָנגעהויבן מיט'ן "מזבח", און געענדיגט מיט "שולחן", צו לערנען, אַז אין דער צייט ווען דער בית המקדש איז געשטאַנען, האָט דער מזבח מכפר געווען די עבירות פון אידישע קינדער, און יעצט ווען עס איז נישט דאָ אַ מזבח, איז דער טיש (שולחן) פון מענטש מכפר, ווייל דורך דעם וואָס דער מענטש טוט צדקה און חסד אויף זיין טיש, איז ער זוכה צו שלום, טובה, ישועה, און ברכה.

אויך שרייבט דאָרט דער רבינו בחיי, ס'איז געווען איינגעפירט ביי חסידים אין מדינת צרפת (פראַנקרייך), צו מאַכן פון זייער טיש אַן ארון פאַר זייער קבורה לאחר מאה ועשרים שנה, צו ווייזן אַז דער מענטש נעמט גאָרנישט מיט זיך, און נאָר די צדקה וואָס ער האָט געטוהן ביים לעבן, און די טובות וואָס ער טוט מיט מענטשן אויף זיין טיש דאס באַגלייט דעם מענטש. וועגן דעם זאָגן די חז"ל (ברכות נד:) "המאריך על שלחנו, מאריכין לו ימיו ושנותיו".

אַן אָרימאַן איז אַמאָל אַריינגעקומען צום קאַפּיטשעניצער רבי'ן, הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע. שמועסנדיג מיט דעם איד, האָט דער קאַפּיטשעניצער רבי באַמערקט אַז יענער איד טראָגט אַ הוט וואָס איז גוט קוים פאַר פורים... האָט דער רבי נישט צופיל געטראַכט, נאָר אַרויסגענומען אַ נייעם הוט וואָס איז געווען צוגעגרייט אין די שאַנק פאַר'ן רבי'ן, און ער האָט עס אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם אָרימאַן, וועלכער האָט זיך געפרייט דערמיט "כמוצא שלל רב".

ווען דער אָרימאַן איז אַרויסגעקומען פון רבי'נס צימער, און די מקורבים האָבן באַמערקט ווי דער רבי'נס קאַפּעלוש ליגט אויף דעם קאָפּ פונעם אָרימאַן, האָבן זיי געפרעגט דעם רבי'ן פאַרוואָס ער האָט געגעבן פאַר דעם איד זיין נייעם הוט? ער האָט דאָך געקענט איהם אַוועקשענקען זיין הוט וועלכן ער טראָגט יעצט, וואָס איז אויך "גוט און שיין", און איבערלאָזן פאַר זיך דעם נייעם הוט... האָט דער רבי געענטפערט:

- איר זענט גערעכט... איך האָב טאַקע באַהאַלטן פאַר זיך דעם נייעם שיינעם הוט, און אפילו אויב איר האָט געזעהן אַז איך האָב עס אַוועקגעגעבן פאַר דעם אָרימאַן, זאָג איך אייך, אדרבה, אין הימל, זענען די איינציגסטע

**שבת פרשת זכור - מסוגל צו זרע של קיימא**

**די מצוה פון היינטיגן שבת, זכור, איז אָפּצומעקן דעם נאָמען און דעם זכר פון דעם רשע עמלק, דורך קבלת עול תורה ומצוות.**

**עס** שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (לפורים, סז.) "כל איש ישראל, כל מה שהוא עושה, צריך להיות (כוונתו) שבזו העשייה יתמחה הזכר של עמלק". אַלעם וואָס אַ איד טוט, דאַרף זיין כוונה זיין אַז מיט דעם וואָס ער טוט עס, זאָל אָפּגעמעקט ווערן דער זכר פון עמלק[יב]. און ווען יעדער איד וועט זיין געוואָרנט אין דעם, דאַן בין איך פאַרזיכערט אַז זיי וועלן שנעל און גיך פּטור ווערן פון אַלע צרות, עכל"ק.

**הרה"ק** רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט ("דברי סופרים", אות כט, ד"ה "וידוע"), אַז ווען מ'לייענט

---

בגדים וואָס דער מענטש האָט, דאָס וואָס מ'האָט צוגעגרייט פאַר זיך באַצייטענס, ווען מ'איז נאָך אויף דער וועלט. קומט אויס, אַז מיט דעם "געבן" האָב איך גאָר גענומען פאַר זיך אַ שענערן הוט...

דער קאַפּיטשעניצער רבי האָט טאַקע אַמאָל אויך געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס האָט גאָר שטאַרק ליב אַ תלמיד חכם, באַדינט איהם מיט התבטלות צו יעדע צייט. ער האָט דאָך "אהבת תורה". פון דער צווייטער זייט, איינער וואָס האָט ליב דעם "גביר", און ער איז איהם מכבד מיט'ן גרעסטן כבוד, אַזאַ ליבשאַפט איז נישט מער ווי "אהבת ממון" - ליבשאַפט צו געלט... "אהבת ישראל" מיינט, ווען מ'האָט ליב יעדן איד, אָן קין שום חילוק ווער ער איז און וואָס זיין מהות איז...

דער "חתם סופר" זי"ע זאָגט ("תורת משה", פ' משפטים) אויפ'ן פסוק (שמות כב, כד) "אם כסף תלוה את עמי, את העני עמך". אויב דו ווילסט אַז דיין געלט זאָל דיך באַגלייטן אין קבר ("תלוה את עמי"), זאָלסטו מקיים זיין מיט'ן געלט די מצוה פון צדקה, און באָרגן געלט, ווייל "את העני" - נאָר דאָס געלט וואָס דו האָסט אַוועקגעשאָנקען פאַר דעם אָרימאַן. "עמך" - וועט מיט גיין מיט דיר און דיך באַגלייטן אויף יענע וועלט.

איינע פון די חשוב'ע אידן פון ירושלים עיה"ק, רבי יהודה ארי' מארים צבי דייטש זצ"ל, וועמען מ'האָט גערופן מיט "ראשי תיבות", "רבי יאמ"ץ", איז אין ערשטן יאָר נאָך זיין חתונה, געקומען פורים זייער שפעט אין הויז פון זיין שווער. ס'איז שוין געווען דער זמן פון די סעודת פורים, און רבי יאמ"ץ איז נאָך אַלץ נישט אָנגעקומען. זיין רעביצין האָט יעדע פאָר מינוט אַרויסגעקוקט פון פענצטער, צו זעהן אויב איר מאַן קומט שוין אָן. ערשט סוף טאָג, איז דער חשוב'ער יונגערמאַן אָנגעקומען אין זיין שווער'ס הויז. דאַן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז אין משך פון גאַנצן טאָג פורים, געשטאַנען מיט נאָך אַ יונגערמאַן ביים טויער פון דער מאה שערים געגנט אין ירושלים, און צוזאַמענגענומען געלט, "מתנות לאביונים", פאַר נויטבאַדערפטיגע אידן אין ירושלים. נאָך דעם ווי זיין בני בית האָט זיך באַרואיגט, האָט זי איהם געפרעגט, "פאַרוואָס האָסטו אונז פאַרשעמט? איך האָב געהערט ווי יעדער' שמועסט אַז דו שטייסט ביים טויער פון מאה שערים, און דו נעמסט נדבות פאַר זיך?...". האָט רבי יאמ"ץ איר געענטפערט:

- ריכטיג טאַקע, כ'האָב גענומען (געלט) פאַר זיך... איך האָב דאָס געטוהן פאַר מיין תיקון הנפש, אַלס אַ טובה פאַר מיין נשמה...

**יב.** אין אָנבליק פון די דאָזיגע ווערטער פונעם "בית אהרן", האָט הרה"צ החסיד המפואר רבי זלמן בריזעל זצ"ל (מזקני חסידי קארלין אין ירושלים) זיך געפירט, צו זאָגן די ווערטער "ימח שמו" (מיינענדיג עמלק'ן) יעדעס מאָל ווען ער האָט געטוהן אַ מצוה.

איינמאָל ווען רבי זלמן איז אַרויסגעקומען פון מקוה, און האָט זיך אָנגעטוהן און צוגעבונדן די שיך, האָט ער געשריגן: "ימח שמו, ימח שמו!" איז אַ איד וועלכער איז געשטאַנען נעבן איהם, געוואָרן אויפגעציטערט, מיינענדיג אַז עמיצער האָט געטוהן שלעכטס פאַר רבי זלמן, און דערפאַר שעלט ער איהם אַזוי, אָדער אפשר האָט מיט איהם עפּעס פּאַסירט... האָט דער איד איהם געפרעגט אויב ער קען איהם העלפן. רבי זלמן האָט איהם אָבער געענטפערט מיט אַ רואיגן טאָן, אַז עס האָט איהם גאָרנישט פּאַסירט, נאָר עס שטייט אין "בית אהרן", אַז ביי יעדע מצוה דאַרף דער מענטש אין זינען האָבן אַז ער וויל אָפּמעקן די קליפּה פון עמלק, און וועגן דעם, יעצט, ווען ער בינדט-צו זיינע שיך, און ער איז מקפיד עס צו טוהן אויף דעם אופן ווי עס שטייט אין שולחן ערוך (או"ח ס"ב, ס"ד) האָט ער אין זינען אָפּצומעקן זיין נאָמען און זיין זכר פון אונטער'ן הימל.

פרשת זכור, איז די צייט צו פועל'ן בקדושה פאַר די קינדער פון יעקב, צו האָבן קינדער וואָס זאָלן לעבן אייביג.

**ער** שרייבט ווייטער, אַז ער האָט בקבלה, אַז אין פרשת זכור, ווען מ'לייענט "תמחה" וועגן עמלק, ווערט מסתמא אין דער קדושה, אַ ריבוי און הוספה און שפע פון קינדער, ווייל די חז"ל זאָגן (מגילה ו.) אויף דעם פסוק (יחזקאל כו, ב) "אמלאה החרבה" -אם מלאה זו חרבה זו, אם מלאה זו, חרבה זו. ס'איז נישט מעגליך אַז יעקב און עשו זאָלן זיין ברום המעלה צוזאַמען. "כשזה קם, זה נופל". ממילא, אין דעם שבת ווען מ'דערמאָנט מחיית עמלק, און מ'בעט פון דעם באַשעפער צו פאַרמינדערן און פאַרלענדן דעם זכר פון עמלק, מוזן אידישע קינדער זיך פאַרמערן אין צאָל, און אַלע וועלן זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, אמן[יג].

### תענית אסתר - אַ טאָג פון קבלת התפלות

**מ'דאַרף** פאַרשטיין דעם ענין פון תענית אסתר, וואָס די חז"ל האָבן באַשטימט דעם דרייצענטן טאָג פון חודש אדר אַלס אַ טאָג צו פאַסטן. לכאורה, גאַנץ רעכנט די פיר פאַסט-טעג דורכ'ן יאָר, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן אויף די צרות און פיין וואָס אידן האָבן מיטגעמאַכט אין יענע צייטן, און מיר ליידן נאָך אַלץ פון די זעלבע צרות, ווייל אַלע צרות קומען דאָך צוליב דעם חורבן בית המקדש, וואָס דער בית המקדש איז נאָך אַלץ נישט געבויט געוואָרן. אָבער תענית אסתר, איז דאָך צוליב דעם וואָס אין די צייטן פון מרדכי און אסתר האָבן אידן געפאַסט כדי געראַטעוועט צו ווערן פון די הענט פון המן הרשע, און מיר זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די צרה, "אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם", און ממילא, וואָס איז די סיבה אַז מיר טוען פאַסטן תענית אסתר.

**דער** "משנה ברורה" (סי' תרפ"ו, סק"ב) פאַרענטפערט די דערמאָנטע קשיא (און דער מקור פון זיינע ווערטער, איז פון "לבוש"), אַז אין די צייטן פון מרדכי און אסתר, זענען די אידן זיך צוזאַמענגעקומען אין דרייצנטן טאָג פון חודש אדר מתפלל צו זיין, און זיי האָבן געדאַרפט בעטן רחמים און תחנונים אַז דער אויבערשטער זאָל זיי העלפן זיי זאָלן נקמה נעמען אין זייערע פיינט, און מיר געפינען אַז ווען אידן זענען געווען אין אַ מלחמה, האָבן זיי געפאַסט, ווי די חז"ל זאָגן (מכילתא, בשלח, סוף פרק א') אַז משה רבינו ע"ה האָט געפאַסט אין דעם טאָג וואָס ער האָט געהאַלטן מלחמה מיט עמלק, און ממילא, האָט מען אַוודאי אין די צייטן פון מרדכי ואסתר אויך געפאַסט, און דעריבער פירן זיך אַלע אידן צו פאַסטן י"ג אדר, און עס ווערט גערופן "תענית אסתר", אונז צו לערנען אַז מיר דאַרפן געדענקען אַז דער אויבערשטער זעהט און הערט יעדן איינעם אין זיין צרה אויב ער פאַסט און טוט תשובה צום באַשעפער מיט'ן גאַנצן האַרצן, אַזוי ווי ער האָט געטוהן אין יענע תקופה.

**לערנען** מיר פון דעם, אַז דער טעם פון דעם תענית איז כדי איינצוואָרצלען דעם כח פון תפלה אין די הערצער פון אידישע קינדער, אַז אידן זאָלן געדענקען אַז אין יעדן דור הערט דער אויבערשטער די תפילה פון יעדן איד, און האָט רחמנות אויף אידישע קינדער אין אַלע דורות.

**נאָך** אַ טעם פאַרוואָס מיר פאַסטן תענית אסתר, האָט דער "מגיד" געזאָגט צום הייליגן "בית יוסף" זי"ע,

---

**יג.** בדרך צחות, די וועלט זאָגט אַ טעם פאַר דעם נאָמען "שבת זכור", ווייל די גמרא זאָגט (מגילה יג:) אַז משה רבינו ע"ה איז געבוירן געוואָרן אין זיבעטן טאָג פון חודש אדר, ממילא קומט אויס, אַז דער שבת וואָס איז נאָך ז' אדר, איז געווען משה'ס "שלום זכר", ווי עס איז דער מנהג ישראל צו מאַכן אַ "שלום זכר" פרייטאָג צו נאַכטס, נאָכ'ן געבורט פון אַ יונגל (זעה "ים של שלמה", ב"ק דף פ. סי' לז), און דעריבער ווערט דער שבת גערופן "שבת זכור".

ענליך ווערט געברענגט, די חז"ל זאָגן (שבת פט:) אַז נאָך מתן תורה, אין זיבעטן טאָג פון חודש סיון, האָבן אַלע אידן געהאַט קינדער זכרים, וואָס לויט'ן חשבון, זענען די דאָזיגע קינדער געבוירן געוואָרן אין זיבעטן טאָג פון חודש אדר. ממילא, האָבן אַלע אידן געפראַוועט יענעם שבת דעם "שלום זכר" פון זייער ניי-געבוירענעם יונגעלע, און וועגן דעם הייסט עס "שבת זכור".

על כל פנים, פון דעם אַלעם זעהען מיר, אַז דער זמן פון שבת זכור, איז מסוגל אויף זרע של קיימא.

ווי עס ברענגט דער "קב הישר" (פרק צ"ז) אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה אויף אידישע קינדער, וואָס זיי זענען די נחלה פון באַשעפער, און ער וויל זיי גערעכט מאַכן כדי זיי זאָלן באַקומען אַ גוטן שכר אויף יענע וועלט. ווען עס קומט דער 14'טער טאָג פון חודש אדר, דאַרפן אידן זיין פריילך צוליב דעם גרויסן נס וואָס דער אויבערשטער האָט געמאַכט און המן הרשע און זיינע זין האָבן געהאַט אַ מפלה, און אַזוי אויך די אַנדערע שונאי ישראל, ממילא ווערט עס אָנגערופן אַ שמחה של מצוה.

**וועגן** דעם זאָגן די חז"ל (מגילה ז:) "חייב אדם לבסומי בפוריא", מ'איז מחויב זיך אָנצוטרינקען אין פורים[יד]. דאַרף מען דאָך חושש זיין, אַז דורך די גרויסע סעודות און פון די פרייד קען מען חלילה קומען צו זינדיגן, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער געהייסן פאַסטן אַ טאָג פריער, ווייל דער תענית איז מסוגל געראַטעוועט צו ווערן דורכ'ן תענית פון דעם חטא, און דער שטן און די קליפות וועלן נישט זיין בכח מקטרג צו זיין חלילה אויף אידישע קינדער, און צוברענגען זיי צו זינדיגן ח"ו דורך די שמחה. דעריבער, ווען מ'זאָגט (סליחות לתענית אסתר) דעם פזמון "במתי"... "שומע תפילה ועבור תיפלה", דאַרף מען אין זינען האָבן מ'זאָל נישט קומען צו זינדיגן ח"ו דורך דעם ריבוי אכילה ושתיה און די שמחה פון פורים, און דורך די סליחות און תחנונים וואָס מיר זאָגן בציבור, זענען מיר מעורר דעם זכות פון מרדכי און אסתר.

**שרייבט** דער "קב הישר" ווייטער: דעריבער דאַרפן די איינוואוינער פון די דערפער, אויך זיין צוזאַמען מיט די הייליגע חבורה אין דעם טאָג פון תענית אסתר, ווייל דער טאָג פון תענית אסתר איז

---

**יד.** דער באַקאַנטער גערער חסיד, רבי נחום זעליג שטיצבערג ז"ל, האָט דערציילט, אַז ער האָט זוכה געווען צו זיין אָנוועזנד ביים לעצטן "טיש" וואָס דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע, האָט געפירט פאַר דער מלחמה, אין פוילן. אינמיטן די דברי תורה האָט דער רבי געפרעגט, פאַרוואָס האָבן די אידן נישט אָנגענומען דעם טאָג פון פורים אַלס אַ יום טוב, ווי מיר זעהען, אַז פריער זאָגט דער פסוק (אסתר ט, יט) "עושים את יום ארבעה עשר לחודש אדר שמחה ומשתה ומיום טוב", און דערנאָך שטייט (שם כב) "לעשות אותם ימי משתה ושמחה", שטייט דאָרט נאָר "משתה ושמחה", און נישט "יום טוב", ווי די חז"ל זאָגן (מגילה ה:) אַז די אידן האָבן נישט אָנגענומען דעם איסור צו אַרבעטן אין דעם טאָג פון פורים.

האָט רבי זעליג דערציילט, אַז ער האָט נאָר זוכה געווען צו הערן די קשיא, אָבער דעם תירוץ וואָס דער "אמרי אמת" האָט געזאָגט אויף די קשיא, האָט ער נישט זוכה געווען צו הערן (צוליב דעם גרויסן געדרענג ביים טיש). ער האָט נאָר געזעהן אַז דער עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פונעם תירוץ. שפּעטער, האָט מען איבערגע'חזר'ט פאַר איהם דעם תירוץ וואָס דער רבי האָט געזאָגט, אַז וויבאַלד מ'איז מחויב צו טרינקען פורים "עד דלא ידע", קומט אויס אַז דער מענטש האָט נישט דעם דעת אין דעם טאָג, און אָן אַ דעת, קען מען נישט אָנעמען אַ יום טוב.

דער "ישמח משה", פרעגט (אין זיין חיבור, "עסיס רמוני" אויף מגילת אסתר, ד"ה "כימים אשר נחו", געדרוקט אין "ישמח משה" אויף נ"ך) פאַרוואָס שטייט אין דער מגילה אַז מרדכי האָט געוואָלט מאַכן די טעג פון פורים פאַר אַ יום טוב, אין דער צייט וואָס די אידן האָבן נישט אָנגענומען דעם טאָג אַלס אַ יום טוב. אויך פרעגט ער, פאַרוואָס האָבן מרדכי און אסתר געוואָלט טוהן אַ זאַך וואָס האָט צום סוף נישט געהאַט אַ קיום.

ענטפערט דער "ישמח משה", אַז איין קשיא ווערט פאַרענטפערט מיט די צווייטע קשיא. די גמרא זאָגט (ביצה טז.) אַז די פרנסה פון מענטש ווערט באַשטימט פון ראש השנה ביז יום כיפור, אויסער די הוצאות פון שבת און פון יום טוב. וועגן דעם האָט מרדכי ערשט באַשטימט פורים אַלס אַ יום טוב פון איסור מלאכה, ווייל ער האָט געוואָלט אַז אויך פורים זאָל זיין אינעם כלל פון די טעג וואָס מ'רעכנט נישט אַראָפּ פון די פרנסה פון מענטש, און כאָטש צום סוף איז דער יום טוב נישט אָנגענומען געוואָרן לדורות, אָבער וויבאַלד דער פסוק זאָגט (איוב כב, כח) "ותגזור אומר ויקם לך", האָט מען אָנגענומען אין הימל די ווערטער פון מרדכי אַז עס זאָל זיין אין כלל פון אַ יום טוב, לגבי דעם אַז מ'זאָל נישט אַראָפּרעכענען אין הימל די הוצאות אין כלל פון דעם וואָס איז באַשטימט פאַר'ן מענטש פון אָנהויב יאָר, און וועגן דעם איז עס געשריבן געוואָרן אין דער מגילה, ווייל אין הימל איז דער טאָג אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ יום טוב.

מסוגל אַז אונזערע תפלות זאָלן אָנגענומען ווערן אין זכות פון מרדכי און אסתר, און יעדער איינער וואָס דאַרף האָבן רחמים אויף אַ געוויסע זאַך וואָס ער דאַרף בעטן דערויף, זאָל ער זיך נעמען צייט אין דעם טאָג פון תענית אסתר, און ער זאָל זאָגן דעם מזמור "למנצח על אילת השחר" (תהלים כב), וואָס די חז"ל דרש'ענען דעם מזמור אויף אסתר המלכה, אַז זי ווערט אָנגערופן "אילת השחר".

**דערנאָך** זאָל ער זיך אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר'ן אויבערשטען, און ער זאָל דערמאנען דעם זכות פון מרדכי און אסתר, אַז אין זייער זכות זאָל דער אויבערשטער איהם העלפן, און ער זאָל פאַר איהם עפענען די טויערן פון רחמים און זיין תפלה זאָל אָנגענומען ווערן ברצון... ער פירט אויס: וועגן דעם דאַרף די הייליגע עדה הערן דעם קול פון די מגילה אין דעם יום טוב פורים, וואָס לעתיד וועלן אַלע ימים טובים בטל ווערן און די טעג פון פורים וועלן קיינמאָל נישט בטל ווערן, און מ'דאַרף דערמאנען דעם זכות פון מרדכי ואסתר, ווייל דער טאָג פון תענית אסתר און דער טאָג פון פורים זענען טעג פון רצון און אהבה. דערפאַר איז גוט מתפלל צו זיין אין דעם טאָג פון תענית אסתר, און דער באַשעפער, דער "שומע תפלה", זאָל אָננעמען ברחמים וברצון אונזערע תפלות, אמן, עכ"ל[טו].

### שמח וטוב לב - די סגולה פון שמחה

**מרדכי** הצדיק האָט זיך דערוויסט פון די שווערע גזירה וואָס המן און אחשורוש האָבן גוזר געווען אויף די אידן, און האָט גענומען אויף זיך אַ טרויער און אנגעטוהן אַ זאַק און אַש - "וילבש שק ואפר" (ד, א). זאָגט דער "חתם סופר" זי"ע (דרשות, ח"א, קפה:), דער מדרש זאָגט, אַז ווייל יעקב אבינו ע"ה האָט אָנגעטוהן אַ זאַק און אַרויפגעלייגט אַש אויפ'ן קאָפּ ווען ער האָט געהערט "טרוף טורף יוסף", האָבן זיינע קינדער געדאַרפט לייגן "שק ואפר" אין דער צייט פון מרדכי הצדיק.

**פרעגט** דער "חתם סופר", פאַרוואָס איז יעקב אבינו געשטראָפט געוואָרן פאַר'ן אָנטוהן אַ זאַק און לייגן אַש? עס איז דאָך דער סדר פון מענטשן צו טרויערן ווען עס פאַסירט אַזאַ אומגליק רח"ל אַז אַ קינד גייט אַוועק פון דער וועלט ל"ע. ממילא, האָט דאָך יעקב אבינו ע"ה אַזוי געדאַרפט טוהן ביים הערן די טרויעריגע בשורה אַז יוסף, זיין בן זקונים, וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט, איז פאַרצוקט געוואָרן?

**ענטפערט** דער "חתם סופר", דער פסוק זאָגט (תהלים כב, ב-ד) "רחוק מישועתי דברי שאגתי, אלוקי אקרא יומם ולא תענה, ולילה ולא דומיה לי, ואתה קדוש יושב תהלות ישראל". דער אויבערשטער איז נישט צופרידן ווען דער מענטש שרייט און טוט אָן אַ זאַק מיט אַש אויף זיין פלייצע, ווייל איין "סבלון" (אויסהאַלטונג, אָנצונעמען מיט ליבשאַפט די גזירה פון הימל, אַז אַלעס איז לטובה) פועל'ט מער ווי אַ סאַך תפילות[טז]. צוליב דעם האָט אסתר המלכה צום סוף איינגעלאַדנט המן און געמאַכט אַ סעודה, צו וויזן אַז זי פאַרלאָזט זיך אויף דעם אויבערשטען, אַז זיין ישועה איז נאָנט.

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, "רחוק מישועתי דברי שאגתי". אַזוי לאַנג ווי איך שריי ("דברי שאגתי"), דאָס הייסט, ער שטאַרקט זיך נישט נאָך זיין תפילה,

---

**טו.** דער הייליגער צאַנזער רב זי"ע פלעגט זיצן אין זיין צימער אַ גאַנצן טאָג תענית אסתר, און אויך ווען מ'האָט איהם עפּעס געפרעגט, האָט ער געענטפערט קורץ און שנעל, און אַזוי האָט זיך אויך געפירט דער הייליגער באַרדיטשוב'ער רב זי"ע, אַז ער האָט זיך מתייחד געווען אין דעם טאָג מיט'ן באַשעפער, און מ'האָט נישט געקענט רעדן מיט איהם וועגן גשמיות'דיגע ענינים, און צדיקים האָבן געזאָגט, אַז מיט זיין עבודה אין דעם טאָג, האָט דער באַרדיטשוב'ער רב מכניע געווען די קליפות פון אַלע זיבעציג שרי מעלה (וואָס זיי זענען די שרים פון די אומות העולם).

**טז.** אפילו אויב דער מענטש ליידט אַ סאַך יסורים רח"ל, זאָל ער נישט ווערן געפאַלן און צובראָכן ביי זיך, נאָר ער זאָל זיך שטאַרקן מיט די ווערטער פון דעם גאון רבי ישעי' פּראַגער זצ"ל (געברענגט אין ספר "חסידים מספרים", תקז), אַז מ'האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס מ'מאַכט נישט אַ ברכה אויף יסורים וואָס זענען ממרק די עוונות פון מענטש. האָט רבי ישעי'לע פּראַגער געענטפערט, אַז מ'מאַכט יאָ באמת אַ ברכה אויך אויף יסורים. יעדן אינדערפרי זאָגט מען די ברכה "שעשה לי כל צרכי", ווייל דער מענטש דאַרף דאָך גלייבן אַז אַלעס איז פאַר זיין טובה, און אַז אין דער צוקונפט וועט ער פאַרשטיין אַז אַלע זיינע ליידן זענען געווען פאַר זיין טובה.

זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז ער וועט אָננעמען זיין תפילה און ער וועט איהם העלפן, נאָר ער בלייבט ווייטער מיט זיין געשריי און געוויין אויף די צרה, "רחוק מישועתי", איז די ישועה ווייט פון אָנקומען, און עס ווערט ח"ו מקוים, "אלוקי אקרא יומם ולא תענה". אויב אבער "ואתה קדוש יושב תהלות ישראל", ער זיצט און איז מודה צו דעם אויבערשטען, ער דאַנקט איהם, איז ער זוכה צו די ישועה, עיי"ש.

**וועגן** דעם דאַרף דער מענטש זיך שטאַרקן און זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז די הילף וועט קומען אינגיכן, און אין שכר פון די אמונה ווערט ער אויסגעלייזט פון זיין צרה.

**זאָגט** דער "חתם סופר", יעקב אבינו ע"ה האָט געליטן ביי זיין לעבן אַ סאַך צרות: צרת עשו, צרת לבן, צרת דינה. ער האָט זיך אָבער שטענדיג געשטאַרקט מיט אמונה אין דעם אויבערשטען, און איז קיינמאָל נישט געוואָרן געפאַלן ביי זיך. אָבער יעצט, הערנדיג די בשורה אַז יוסף איז נישטאָ, האָט ער זייער געטרויערט, ווייל די חז"ל זאָגן (געברענגט אין רש"י, בראשית לז, לה) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געזאָגט, ער האָט געהאַט אַ סימן פון דעם אויבערשטען, אַז אויב קיין איינער פון זיינע קינדער וועט נישט אַוועקגיין פון דער וועלט ביי זיין לעבן, איז ער פאַרזיכערט אַז ער וועט נישט זעהן דעם גיהנום. וועגן דעם איז יעקב געוואָרן אַזוי צובראָכן ביי זיך, און ער האָט אָנגעטוהן אַ זאַק. אבער לויט זיין הויכע מדרגה האָט ער נישט ריכטיג געטוהן, ווייל ער האָט געדאַרפט זיין זיכער און זיך פאַרלאָזן אויף דעם אויבערשטען אַז די ישועה וועט קומען. און צוליב דעם האָבן זיינע קינדער געדאַרפט אָנטוהן אַ זאַק מיט אַש אין דער צייט פון מרדכי ואסתר.

**דער** "חתם סופר" פירט אויס: פאַר דעם האָט מען מתקן געווען שמחת פורים, מ'זאָל זיין פרייליך פורים, און מ'זאָל קודם לייענען די מגילה איידער מ'פרייט זיך, כדי צו ווייזן דערמיט, אַז די תפלות און בקשות - וואָס אויף דעם האָט מען מתקן געווען צו לייענען די מגילה, האָבן נישט געהאָלפן אַזוי ווייט ווי די שמחה מיט'ן באַשעפער און דאָס פאַרלאָזן זיך אויף זיין ישועה".

**מיר** געפינען אין מגילת אסתר (ה, ו) אַז אחשוורוש האָט געפרעגט אסתר המלכה, "מה שאלתך וינתן לך", און זי האָט געענטפערט (פסוק ח) "יבוא המלך והמן היום וגו' ומחר אעשה כדבר המלך". דאַרף מען

---

**יז.** אין ירושלים עיה"ק האָט פאַסירט די פאָלגענדע מעשה: אַ חשוב'ער יונגערמאַן האָט פאַר יום טוב פסח, נישט געהאַט דעם מינימאַלסטן סכום געלט צו קויפן די צרכי החג, ספּעציעל פאַר די גרויסע הוצאות וואָס דער יום טוב פסח קאָסט אָפּ. די "מעות חיטין" וואָס ער האָט באַקומען איז נישט געווען גענוג. "אין הקומץ משביע את הארי". וואָס נענטער דער פסח האָט זיך אָנגערוקט, איז דער "שלום בית" געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, ביז זיינע בני בית האָט איהם געסטראַשעט, אַז אויב ער וועט נישט ברענגען די נויטיגע "מטעמים", קען ער חלילה... בלייבן אינדרויסן.

מיט אַ צובראָכן האַרץ, איז דער יונגערמאַן געגאַנגען דאַווענען מנחה אין די "שטיבלעך" אין זכרון משה. ביי די ברכה פון "ברך עלינו", האָט ער זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער, און ביים סוף פון שמונה עשרה, נאָך "יהיו לרצון", האָט ער נאָך מתפלל געווען אַז דער אויבערשטער זאָל איהם צושיקן דעם סכום געלט וואָס עס פעלט איהם אויף די הוצאות פון יום טוב. פון גרויס צער און ווייטאָג, האָט ער אַפילו נישט געשפּירט אַז זיין "תפילה בלחש" איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ תפילה הויך אויפ'ן קול, און אַלע אַרומיגע האָבן געהערט...

נעבן איהם איז געשטאַנען אַ רייכער איד פון אַמעריקע, וועלכער איז געקומען פאַרברענגען דעם יום טוב פסח אין ארצינו הקדושה. הערנדיג זיין תפילה וואָס איז געווען "יוצא מן הלב", איז דער רייכער אַמעריקאַנער איד צוגעגאַנגען צו איהם נאָכ'ן דאַווענען, און געזאָגט אַז ער האָט געהערט זיין תפילה, און ער וויל איהם העלפן מיט די הוצאות החג. זיי האָבן אָפּגעשמועסט אַ צייט ווען דער יונגערמאַן זאָל אַרויפקומען אין האָטעל-צימער פונעם גביר.

דער יונגערמאַן איז טאַקע געקומען צו דער באַשטימטער צייט, און דער אַמעריקאַנער גביר האָט איהם געגעבן געלט וואָס איז געווען גענוג נישט נאָר פאַר צרכי החג, נאָר ער האָט געקענט שפּייזן זיין פאַמיליע אין משך פון עטליכע חדשים.

פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט אסתר אָפּגעלייגט אויף מאָרגן, און זי האָט נישט באַלד געבעטן פאַר זיך, נאָך דעם ווי אחשוורוש האָט איר געזאָגט, "מה שאלתך וינתן לך". אויך דאַרף מען פאַרשטיין, מיט וואָס אסתר געווען זיכער אַז מאָרגן וועט זי קענען אויס'פועל'ן מער ווי זי קען פועל'ן יענעם טאָג?

**האָבן** צדיקים געזאָגט, אַז וויבאַלד יענעם טאָג איז המן געווען פרייליך, ווי דער פסוק זאָגט (פסוק ט') "ויצא המן ביום ההוא שמח וטוב לב", האָט אסתר געוואוסט אַז אין אַ צייט ווען המן איז בשמחה, וועט זי איהם נישט קענען באַזיגן[יח], ווייל אַ מענטש וואָס איז פרייליך, קען איהם קיין שלעכטס נישט פאַסירן[יט]. דעריבער האָט זי זיך איבערגעקליגט און זי האָט איהם איינגעלאַדנט צו קומען מאָרגן, נאָך דעם ווי המן'ס פרייד וועט אַביסל אויסרינען, און דעמאָלטס וועט זי איהם קענען לייכט באַזיגן.

**דאָס** איז אַ גרויסער לימוד פאַר אידישע קינדער. מה דאָך פאַר דעם רשע המן, האָט די מדה פון שמחה געהאָלפן מ'זאָל איהם נישט קענען שלעכטס טוהן, איז דאָך אַוודאי געוויס אַז די מדה קען העלפן פאַר יעדען איד אין זיין מצב, בטל צו מאַכן אַלע צרות און יסורים, ווי צדיקים האָבן געזאָגט ("דגל מחנה אפרים", ליקוטים, ועוד) אַ רמז אין פסוק (ישעיה נה, יב) "כי בשמחה תצאו". מיט שמחה, ווערט מען געראַטעוועט פון אַלע צרות און יסורים, און מ'גייט אַרויס "מאפילה לאור גדול".

**אַזוי** טייטשט דער "תפארת שלמה" (רמזי פורים, ד"ה "ותשלח") דעם פסוק (אסתר ד, ד) "ותשלח בגדים להלביש את מרדכי, ולהסיר שקו מעליו, ולא קיבל". איז שווער, צו דען האָט אסתר באמת געמיינט אַז עס פעלן קליידער פאַר מרדכי'ן, אַז זי האָט איהם געשיקט קליידער אָנצוטוהן? זי האָט דאָך געזעהן אַז ער האָט בכוונה אָנגעטוהן אַ זאַק, און אַרויפגעלייגט אַש אויף זיין קאָפּ, אַ זאַך וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט געטוהן. אויב אַזוי, האָט זי נאָר געדאַרפט פרעגן פאַרוואָס ער טראָגט אַ זאַק, און נישט שיקן צו איהם קליידער?

**ענטפערט** דער "תפארת שלמה", אַז אסתר האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז מרדכי האָט געהערט אַ ביטערע בשורה, און אַז דעריבער האָט ער גענומען אויף זיך צו פאַסטן, כדי צו צערייסן דעם גזר דין, נאָר אסתר האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז נישט דער ריכטיגער וועג. דער מענטש דאַרף זיך שטאַרקן מיט די מדה פון שמחה, אפילו אין צייט פון אַ צרה ח"ו! נאָר מיט שמחה, קען מען אַרויסגיין פון אַלע "באַגרענעצונגען". מרדכי האָט אָבער נישט אָנגענומען אירע ווערטער, ווייל ער האָט געהאַלטן אַז אין אַזאַ צייט, דאַרף מען מתפלל זיין צום אויבערשטען מיט אַ צובראָכן האַרץ, און מיט ביטערניש. זיי האָבן געהאַט חילוקי דעות איבער דעם ענין.

**דער** אויבערשטער האָט אָבער געגעבן גערעכט פאַר אסתר המלכה, און אַזוי האָט די השגחה העליונה צוגעפירט אַז מרדכי זאָל צוקומען צו די מדה פון שמחה,

---

אין די שפּעטערדיגע יאָרן, ווען ער האָט איבערדערציילט די מעשה, האָט איינער פון זיינע ידידים איהם געפרעגט, אויב ער האָט כאָטש פאַרשריבן פאַר זיך, דעם אַדרעס פון יענעם עושר, כדי ער זאָל זיך קענען ווענדן צו איהם אַ צווייטן מאָל נאָך הילף, אין פאַל פון אַ נויט... האָט דער יונגערמאַן געענטפערט מיט פאַרוואונדערונג:

- איך האָב זיך דען געוואָנדן צום אַמעריקאַנער עושר? איך האָב זיך דאָך געוואָנדן צום אמת'דיגן 'אַדרעס' - דער גרויסער באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט. ער, ברוך הוא, האָט מיר נאָר געשיקט דעם עושר אַלס אַ שליח... ממילא, וואָס האָב איך געהאַט צו פרעגן זיין אַדרעס? אויב עס וועט מיר, חלילה וחס, נאָך אַמאָל פעלן געלט, וועל איך זיך נאָך אַמאָל ווענדן צו דעם גרויסן באַשעפער ברוך הוא, און איהם בעטן ער זאָל ערפילן מיין חסרון...

**יח.** הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע האָט געזאָגט, פאַרוואָס זעהען מיר אַז "דרך רשעים צלחה", און "רשע וטוב לו", אַ רשע וואָס עס גייט איהם גוט, און פאַר דעם צדיק גייט עס נישט אַזוי גוט. דאָס איז דערפאַר ווייל דער רשע איז שטענדיג בשמחה, און דערפאַר איז ער מצליח.

**יט.** אַזוי ווערט געברענגט (ספר "מאמר מרדכי", פון הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע) אין נאָמען פון הייליגן קאַרלינער זי"ע, אַז אויב אַ איד גייט אַרום פרייליך צוליב די עצם זאַך וואָס ער איז אַ איד, "האַפּט איך איהם, אַז עס וועט איהם נישט געשעהן קיין שלעכטע זאַך ח"ו, נישט בגשמיות און נישט ברוחניות".

דורך דעם וואָס המן וועט איהם אָנטוהן די קעניגליכע קליידער, און אויסרופן פאַר איהם, "ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו", און דורך דעם איז די ביטערניש אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און ער איז געוואָרן פריילך, וואָס דאָס אַליין האָט דערנענטערט די ישועה אין אַן אויגנבליק. פון דעם לערנען מיר ווי גרויס איז די מדה פון שמחה, און נאָר דורך די מדה פון שמחה קען מען געראַטעוועט ווערן פון אַלעם בייזן.

די זעלבע זאָגט דער "בן יהוידע" (מגילה טז. ד"ה "ורכיב האי"), אויף דעם וואָס די גמרא זאָגט, אַז ווען המן האָט געברענגט די קעניגליכע קליידער און דעם פערד פאַר מרדכי, האָט מרדכי זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען, און המן האָט צוגעוואַרט ביז מרדכי האָט געענדיגט דאַווענען. פרעגט דער "בן יהוידע", פאַרוואָס האָט המן - דער רשע מרושע - געוואַרט, און נישט געשטערט מרדכי'ן אינמיטן דאַווענען, כדי אויסצופאָלגן דעם קעניג'ס גזירה תיכף ומיד?

**ענטפערט** דער "בן יהוידע", אַז המן האָט דווקא געוואַרט נישט צו זאָגן אַ גוטע בשורה בשעת'ן דאַווענען, ווייל ער האָט געוואוסט אַז אַ תפילה ווען דער מענטש איז טרויעריג, ווערט נישט אָנגענומען אין הימל, און ער האָט געטראַכט אַז יעצט דאַווענט מרדכי אַוודאי מיט אַ טרויעריגן געמיט. וועגן דעם האָט ער געטראַכט, איך וועל איהם ענדערש נישט איבעררייסן אינמיטן דאַווענען, ווייל אויב איך וועל איהם איבעררייסן און איהם זאָגן די גוטע בשורה אַז אחשוורוש האָט באַפוילן איהם אָנצוטוהן די קעניגליכע קליידער און איהם אַרויפזעצן אויפ'ן קעניגליכן פערד, וועט ער דאַווענען אַ צווייטע מאָל מיט אַ פריילך געמיט, און אַ תפילה מתוך שמחה שפּאַלט די הימלען. עס איז נישט דאָ אַ "מחיצה" וואָס קען צוריקהאַלטן אַזאַ תפילה פון דערגרייכן דעם כסא הכבוד!

**דורך** שמחה וואָס קומט פון פנימיות'דיגע אמונה, גייט מען אַרויס פון אַלע פּראָבלעמען, ווי דער ווילנער גאון זצ"ל זאָגט אויפ'ן פסוק (משלי יח, יד) "רוח איש יכלכל מחלהו ורוח נכאה מי ישאנה". זאָגט דער גאון, שמחה קומט פונעם גייסט פונעם מענטש. זאָגט דער פסוק, "רוח איש" - ווען דער מענטש איז בשמחה, "יכלכל מחלהו" - איז אפילו אויב ער וועט זיין קראַנק ח"ו, וועט ער "שפּייזן" זיין מחלה מיט שמחה און די מחלה וועט בטל ווערן. און כאָטש דער גאון זאָגט עס ביי אַ קראַנקהייט ל"ע, לערנען מיר פון דעם אויף יעדע צרה, סיי ברוחניות, סיי בגשמיות, אַז מיט שמחה, מאַכט מען בטל די צרה.

די מעלה פון שמחה, זעהען מיר אויך פון די ווערטער פונעם "מנורת המאור" (פ"ה) וואָס ער זאָגט, אַז דער ריכטיגער וועג צו ערציען די קינדער צו גיין בדרך התורה והמצוות, איז דורך דעם וואָס מ'טוט די מצוה מיט שמחה און מיט חשק, ווייל דורך דעם ווילן אויך די קינדער זיין אַזוי ווי זייער טאַטע. דאַקעגן, אויב דער טאַטע איז מקיים מצוות ווי איינער וואָס איז געצוואונגען, וועלן זיינע קינדער נישט האָבן חשק זיך צו פירן אַזוי ווי ער פירט זיך, צו "ליידן" אַזוי ווי ער...

מיט דעם טייטשט דער "מנורת המאור" דעם פסוק (תהלים קיט, קיא) "נחלתי עדותיך לעולם, כי ששון לבי המה". דער מענטש וואָס וויל אַז זיינע קינדער זאָלן "ירש'ענען" ("נחלתי") די מצוות פונעם באַשעפער ("עדותיך"), קען ער עס באַווייזן נאָר אויב "כי ששון לבי המה", אויב ער פרייט זיך מיט די מצוות פונעם אויבערשטען, און ער איז מקיים יעדע מצוה מיט געשמאַק און חשק.

**נפשי בשאלתי - אויסניצן דעם טאג מיט תפילה**

**ערליכע** אידן פלעגן זיך נוהג זיין צו ענדיגן גאַנץ תהלים אין דעם טאָג פון פּורים[כ], נאָך איידער זיי זענען אָנגעקומען צום "לבסומי".

**דער** "סגולת ישראל" שרייבט (אות פ', סק"ד): איך האָב בקבלה, אַז אין פורים איז אַ סגולה אויפצושטיין

כ. הרה"ק רבי מרדכי'לע נדבורנא זי"ע האָט אָנגעזאָגט אַז אַלע זיינע קינדער זאָלן מתנהג זיין באדמורו"ת. אויך האָט ער געזאָגט, אַז אַ בית המדרש וואו מ'ענדיגט נישט תהלים אין פורים, קען נישט ווערן גערופן אַ "נאַדבורנער בית המדרש", ווייל פורים איז דער זמן פון התגברות הרחמים, און מיט זאָגן תהלים, עפענט מען אַלע טויערן אין הימל.

פרי און אַ סאַך מתפלל זיין צו דעם אויבערשטען אויף יעדע זאַך, בני, חיי, ומזוני, און אַזוי אויף אַנדערע זאַכן, און פאַר אַלע זיינע קרובים, ווייל אין דעם טאָג פון פורים איז אַ גרויסער עת רצון, און דאָס אַלעס דאַרף מען טוהן מיט שמחה און מיט אַ רצון, און אויף דעם זאָגן די חז"ל "כל הפושט יד נותנין לו"[כא].

**"ובבוקר** אמור למלך ויתלו את "מרדכי" וגו' (אסתר ה, יד). אינדערפרי זאָלסטו באַפעהלן פאַר דעם קעניג, ער זאָל אויפהענגען מרדכי'ן אויף דעם בוים וואָס דו האָסט צוגעגרייט.

**א** מורא'דיגע ווארט ווערט געברענגט אין ספה"ק "שם משמואל" (פורים, שנת תרע"ז, עמוד קצ"ו, ד"ה ובבוקר אמור למלך), וואס מיר טאָרן פון דעם נישט פארגעסן דעם גאנצן היילינגן טאג. לכאורה איז שווער, עס פּאַסט נישט צו רעדן צו אַ קעניג באַפעלעריש, ער זאָל אויפהענגען מרדכי'ן. עס וואָלט געווען מער פּאַסיג פאַר דעם פסוק צו זאָגן "תשאל מהמלך", אָדער "תבקש מהמלך", דו זאָלסט בעטן פון דעם קעניג, נישט "אמור" למלך. אויך זאָגט דער פסוק ווייטער (אסתר ו, ד) "והמן בא אל בית המלך החיצונה, לאמור למלך לתלות את מרדכי על העץ אשר הכין לו". איז שווער די זעלבע קשיא, "לאמר" למלך, צו זאָגן פאַר דעם קעניג?

**זאָגט** דער "שם משמואל", דער מדרש דערציילט (ילקוט שמעוני, אסתר, רמז תתרנ"ג), אַז המן האָט געבויט זיין בימה העכער פון די בימה פון אחשוורוש, ווייל

---

**כא.** מיט יאָרן צוריק, פלעגט מען אויפהענגען דאָ אין שטאָט אַ בריוו וואָס עס האָבן געשריבן יונגעלייט פון דער שטאָט לעיקוואד אין אַמעריקע. פון אונטער די שורות זעהט מען אין דעם בריוו, אַז די יונגעלייט זענען נישט אַריבערגעגאַנגען קיין "זיסע צוקערלעך", נאָר "חבילין דמעיקין" רח"ל, ווי מ'רופט עס.

שרייבן זיי אין דעם בריוו, אַז זיי האָבן אויך געהערט אַלע יאָרן דעם וואָרט "כל הפושט יד נותנין לו", אַז פורים איז אַ גרויסער טאָג, אָבער זיי האָבן עס בלויז געהערט אַלס אַ "גוט וואָרט", אַלס אַ "שיינע דרשה", אָבער זיי קענען מעיד זיין - שרייבן זיי - אַז זיי האָבן זיך געגומען דערצו, זיי האָבן זיך גענייגט שלאָפן פרי פורים ביינאַכט, און זענען אויפגעשטאַנען פאַרטאָגס, און אויסגעזאָגט גאַנץ תהלים. דערנאָך האָבן זיי געדאַווענט ווי עס דאַרף צו זיין, נישט יאָגענדיג דאָס דאַווענען, און שפּעטער האָבן זיי מקיים געווען דעם "לבסומי בפוריא". זיי פירן אויס, אין דעם בריוו, אַז ביז עטליכע וואָכן האָבן זיי געזעהן ישועות ונפלאות.

רבותי! דאָס קען יעדער איינער באַווייזן, מען דאַרף נאָר אַריינכאַפּן אין דעם טאָג פון פורים.

זכרנו ימים מקדם, מער ווי דרייסיג יאָר צוריק בין איך אַריינגעגאַנגען אין בעלזער בית המדרש אויף רחוב בעלז אין בני ברק, וואו עס איז יעדע נאַכט געזעסן אַן עולם און געלערנט.

פורים אַרום 1 אַזייגער ביינאַכט, ווען כ'בין אַריינגעקומען דאָרט, האָב איך באַמערקט אַן עולם וואָס איז געזעסן און געלערנט, און אַנדערע האָבן געזאָגט תהלים. אויף דער צווייטער זייט פון בית המדרש זענען געזעסן אַ קבוצה מיט בחורים, וואָס האָבן "געדאַרפט לערנען"... מ'האָט געקענט הערן פון דער ווייטנס, אַז זייער שמועס איז נישט קיין "פורים'דיגער שמועס".

פלוצלינג רופט זיך אָן דער ראש החבורה צו זיי: "חברה, ס'איז היינט פורים, 'כל הפושט יד נותנים לו', לאָמיר זאָגן אַביסל תהלים...".

דער בחור דער ראש החבורה האָט זיך טאַקע אָוועקגעשטעלט זאָגן תהלים אונטער די שאַפע, און אַזוי איז ער אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען און געזאָגט תהלים! (איך געדענק עס, ווייל עס איז מיר געווען זייער אינטערעסאַנט).

מיר פאַרשטייען נישט די חשבונות של מעלה, אָבער איך געדענק אַז אַ וואָך שפּעטער, אין אַ פאַרטאָגס, איז דער פאָטער פונעם בחור געקומען אין בית המדרש און געטיילט "לחיים", לרגל די שידוך פון דעם בחור!...

און עס איז אינטערעסאַנט, אַז כאָטש זיינע ברידער זענען געווען חשוב'ע תלמידי חכמים (דיינים), און ער איז נישט געווען אַזוי ווי זיי, האָט ער אָבער געטוהן אַ בעסערן און שענערן שידוך ווי אַלע זיינע ברידער (עד היום, פאַרשטיי איך נישט דעם שידוך...), און ער אַליין איז צום סוף נתהפך געוואָרן מן הקצה אל הקצה, ער איז שוין היינט ב"ה אַ זיידע!

זעהען מיר פון די מעשה וואָס עס מיינט "נזכרים ונעשים", אַז יעדער איד קען ברענגען אַ מהפכה אין פורים, אַלעס זאָל ווערן איבערגעדרייט צום גוטן.

המן איז דערמאָלטס געווען ברום המעלה, אזוי ווייט אַז ער איז געשטאַנען העכער פון אחשוורוש. אויך זאָגט די גמרא (מגילה טו.) "גבה המן מאחשוורוש". המן איז געוואָרן גרעסער פון אחשוורוש.

לויט דעם זאָגט דער "שם משמואל", אַז וויבאַלד המן'ס שטעלער איז געווען העכער ווי פון אחשוורוש, האָט המן נישט געדאַרפט בעטן פון דעם קעניג, נאָר ער האָט איהם געקענט זאָגן בדרך פקידה, אַלס אַ באַפעל, אַז ער זאָל אויפהענגען מרדכי'ן ח"ו.

און פון דעם דאַרף יעדער מענטש לייגן אויף זיין האַרץ צו פאַרשטיין, אַז פון דעם טאָג ווען המן'ס הויז איז געגעבן געוואָרן צו אסתר, איז געוואָרן אַ כח פון "ונהפוך הוא", אַז אידן האָבן באַקומען דעם כח פון המן הרשע, אַז מען קען באַפוילן דעם מלך, און אין דעם טאָג פון פורים קען יעדן איד זאָגן פאַר דעם אויבערשטען כביכול וואָס צו טוהן! יעדער איד האָט דעם כח פון "צדיק גוזר והקב"ה מקיים". פאַרשטייט זיך אז מ'זאָל עס נישט זאָגן נאָר מיט'ן מויל, נאָר מיט'ן זעלבן חשק און שטאַרקן ווילן וואָס המן האָט געהאַט ווען ער איז געגאַנגען זאָגן דעם קעניג ער זאָל אויפהענגען מרדכי'ן אויפ'ן בוים. און דאַן וועט זיין זאָגן אויפטוהן, און אויף דעם האָבן די פריערדיגע חסידים געזאָגט, אַז אין פורים קען יעדער איד געהאָלפן ווערן און געבענטשט ווערן פון דעם באַשעפער.

דער "מראה יחזקאל" זאָגט (הגש"פ מראה יחזקאל ד"ה כהא לחמא, אופן ג') אויף דעם פסוק (אסתר ט, יב) "ומה שאלתך וינתן לך, ומה בקשתך עוד ותעש". וואָס נאָך פאָדערסטו, און מ'וועט עס טוהן פאַר דיר. דער פסוק זאָגט (ישעיה סה, כד) "והיה טרם יקראו ואני אענה, עוד הם מדברים ואני אשמע", נאָך פאַר מען וועט מיר רופן וועל איך ענטפערן, און נאָך ווילאַנג זיי רעדן וועל איך שוין הערן. דער פסוק איז מרמז, "טרם יקראו ואני אענה" - ווען דער מענטש בעט דעם אויבערשטען אויף געזונט און אויף פרנסה, זאָגט דער אויבערשטער, אויף דעם מוז איך דיר ענטפערן, ווייל עס איז דאָך זאַכן וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן צום לעבן (עי' תוספות יום טוב, ברכות, פ"ז, מ"ג, סוד"ה נברך). "עוד הם מדברים", אָבער אויב דער מענטש בעט "נאָך", ער בעט אויף עשירות און כבוד, מער ווי ער דאַרף האָבן צום לעבן, אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער: "ואני אשמע", איך הער וואָס דו זאָגסט, מ'וועט דן זיין איבער דיין בקשה, צו זעהן אויב עס קומט דיר טאַקע.

ביי פורים, אָבער, זאָגט דער פסוק, אַז אחשוורוש האָט געזאָגט "ומה בקשתך עוד ותעש" - אין פורים וועל איך דיר געבן אויך דעם "עוד" - אויך די איבעריגע זאַכן וואָס דו בעטסט, מער ווי דו דאַרפסט האָבן צום לעבן.

דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס די גמרא לערנט אַרויס (מגילה ד.) "חייב אדם לקרות את המגילה בלילה ולשנותה ביום, אַ מענטש איז מחויב צו ליינען די מגילה ביינאַכט און עס איבער חזרן בייטאָג, שנאמר (תהלים כב, ג) אלקי אקרא יומם ולא תענה, ולילה ולא דומיה לי". אסתר האָט מתפלל געווען, בייטאָג און ביינאַכט.

איז שווער, אויב מען וויל זאָגן אַז מען זאָל לייענען די מגילה אין דעם הייליגן טאָג, און מען זאָל מתפלל זיין, פאַרוואָס ברענגט ער אַ פסוק וואו אסתר האָט געזאָגט "ולא תענה", דו האָסט מיר נישט געענטפערט, "ולילה ולא דומי' לי". איז דאָך משמע אַז איר תפלה איז נישט געענטפערט געוואָרן?

איז דער תירוץ, אַז עס קומט מרמז זיין, אַז פורים האָט אַזאַ גרויסן כח פון קבלת התפלות, אַז וויפיל מען האָט נאָר גע'פועל'ט, זאָל מען וויסן אַז מען האַלט נאָך ביי די בחינה פון "ולא תענה", ווייל מ'קען פועל'ן פיל מער ווי מ'האָט גע'פועל'ט.

אין סלאָנים פלעגט מען טייטשן די ווערטער פון די חז"ל "כל הפושט יד נותנין לו", אַפילו אַ "פשוט'ער" ("הפושט") מענטש קען אויך אויס'פועל'ן ישועות אין פורים. אַזוי טייטשן זיי אויך די ווערטער פון פייטן: "וגם חרבונה זכור לטוב", אַפילו אַ "חרוב'ער" מענטש ווערט אויך דערמאָנט צום גוטן אין פורים.

דער מלבי"ם שרייבט אויפ'ן פסוק (אסתר ו, יג) "ותאמר לו זרש אשתו וגו' אם מזרע היהודים מרדכי אשר החילות לנפול לפניו, לא תוכל לו, כי נפול תפול לפניו", זרש האָט געזאָגט פאַר המן, אויב שטאַמט מרדכי פון אידן, וואָס דו האָסט שוין אָנגעהויבן צו פאַלן פאַר זיי, וועסטו איהם נישט בייקומען, ווייל דו וועסט אינגאַנצן פאַלן פאַר זיי. איז שווער, פאַרוואָס האָט המן'ס אייגענע

פרוי, זרש, גערעדט צו איהם אַזעלכע ווערטער, אַז ער וועט פאַלן פאַר מרדכי'ן אויב מרדכי שטאַמט פון אידן?

**נאָר** זי האָט געמיינט צו זאָגן, אַז אויב מרדכי איז "מזרע היהודים", און ער דאַווענט צום באַשעפער, "נפול תפול לפניו", וועסטו פאַלן פאַר איהם, ווייל דער כח פון תפלה איז זייער גרויס. די איינציגע עצה וואָס איך קען דיר געבן, איז "כי נפול תפול לפניו", דו זאָלסט פאַלן פאַר זיינע פיס אינמיטן שמונה עשרה, און זיך מאַכן ווי עס איז אַ רחמנות אויף דיר. דעמאָלטס וועט מרדכי נישט זיין אַזוי געפאַלן ביי זיך און ער וועט נישט דאַווענען צום באַשעפער, און נאָר דעמאָלטס וועסטו מצליח זיין.

**פון** מגילת אסתר לערנען מיר אַ גרויסן לימוד, ווי גרויס עס איז די תפילה פון אידישע קינדער ביים אויבערשטען. ער זיצט און הערט שטענדיג זייער תפלה מיט ליבשאַפט, ווי דער רמב"ם ז"ל שרייבט אין זיין הקדמה צום "יד החזקה" (ביים סוף פון "מנין המצוות"), "וציונו לקרות המגילה בעונתה, כדי להזכיר שבחיו של הקדוש ברוך הוא ותשועות שעשה לנו והיה קרוב לשועתינו, כדי לברכו ולהללו". דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו לייענען מגילה אין איר צייט (פורים) כדי צו דערמאנען די שבח פון דעם אויבערשטען, און די ישועות וואָס ער האָט געטוהן פאַר אונז, און ער איז געווען נאָנט צו הערן אונזער געשריי, כדי מיר זאָלן איהם דאַנקען און לויבן. "וכדי להודיע לדורות הבאים", און כדי צו לאָזן וויסן פאַר די קומענדיגע דורות, אַז ס'איז ריכטיג וואָס דער אויבערשטער האָט אונז צוגעזאָגט אין די תורה (דברים ד, ז) "כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו"[כב].

**אַזוי** זאָגט דער מדרש (אסת"ר פ"ז, יג) אַז ווען ס'איז אַרויס די ביטערע גזירה פון המן הרשע, "להשמיד ולהרוג ולאבד את כל היהודים" ח"ו, איז אליהו הנביא זכור לטוב געלאָפן מיט אַ בהלה צו די הייליגע אבות, און צו משה רבינו ע"ה, און ער האָט זיי געפרעגט, ביז ווען וועלן די אבות פון דער וועלט זיין פאַרזינקען אין זייער שלאָף, און וועלן זיך נישט אומקוקן אויף די צרה וואס האָט געטראָפן זייערע קינדער? די מלאכים אין הימל, די זון, די לבנה און די שטערן, די מזלות און הימל און ערד, דער גאַנצער "צבא השמים" - אַלע וויינען, און איר זעהט דאָס אַלעס און איר טוט גאַרנישט?

**האָבן** די אבות געפרעגט אליהו'ן, פאַרוואָס האָט פאַסירט די צרה? און אליהו האָט זיי געענטפערט, ווייל די אידן האָבן געגעסן פון די סעודה וואָס אחשוורוש האָט געמאַכט, און צוליב דעם איז אַרויס אויף זיי אַ גזירת כליי' רח"ל. האָבן אברהם, יצחק, און יעקב, געזאָגט צו אליהו: "אויב זיי האָבן עובר געווען אויף די תורה און זייער גזירה איז שוין פאַרזיגלט ח"ו, וואָס קענען מיר טוהן?" איז אליהו געגאַנגען צו משה, און איהם געזאָגט: "רועה נאמן" - געטרייער פאַסטוך, וויפיל מאָל האָסטו מתפלל געווען פאַר די אידן, און בטל געמאַכט די גזירות וואָס זענען נגזר געוואָרן אין הימל? האָט משה געפרעגט אליהו'ן, אויב עס איז דאָ אַן ערליכער איד ("אדם כשר") אין דעם דור. האָט אליהו געענטפערט, יאָ, און זיין נאָמען איז מרדכי.

**האָט** משה געזאָגט: "גיי און לאָז איהם וויסן, כדי ער זאָל שטיין און דאַווענען דאָרט, און איך וועל שטיין דאָ, און מיר וועלן מתפלל זיין צום דעם אויבערשטען, מעורר צו זיין רחמנות אויף אידישע קינדער". האָט אליהו געזאָגט צו משה: "געטרייער פאַסטוך, דער בריוו פון די גזירה אומצוברענגען די אידן ח"ו, איז שוין געשריבן געוואָרן". האָט משה איהם געזאָגט: "אויב די גזירה איז אונטערגעשריבן געוואָרן מיט ליים, וועט מען הערן אונזערע תפילות, אָבער אויב

**כב.** לויט די ווערטער פון רמב"ם, האָט דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, געטייטשט די ווערטער וואָס מיר זאָגן פורים נאָך מגילה-לייענען (פיוט "שושנת יעקב") "להודיע שכל קויך לא יבושו ולא יכלמו לנצח כל החוסים בך" (וואָס בפשטות, איז נישט פאַרשטענדליך די שייכות פון די ווערטער דאָ אַהער). זאָגט דער בריסקער רב זצ"ל, אַז דאָס איז דער תכלית פון קריאת המגילה, אַז מיר זאָלן וויסן אַז דער אויבערשטער ענטפערט אייביג די תפילות פון אידישע קינדער, און אַלע וואָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם אויבערשטען, ווערן קיינמאָל נישט פאַרשעמט, ווי רש"י זאָגט (תהלים לד, כג) "ולא יאשמו כל החוסים בך - לא יתחרטו לאמור אשמנו כי חסינו בך". קיינער וועט נישט חרטה האָבן פאַר דעם וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט אויפ'ן אויבערשטען.

ס'איז פאַרזיגלט געוואָרן מיט בלוט ח"ו, דאַן קענען מיר גאָרנישט טוהן: מה שהיה, הוא שיהיה"[כג].

**האָט** אליהו געזאָגט צו משה, אַז די גזירה איז פאַרשריבן און פאַרזיגלט געוואָרן מיט ליים. האָט משה איהם געזאָגט, "אויב אַזוי, גיי און מעלד-איין פאַר מרדכי'ן". מרדכי האָט, הערנדיג פון דעם גזירה, צעריסן זיינע קליידער, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ד, א) "ומרדכי ידע את כל אשר נעשה, ויקרע מרדכי את בגדיו".

**פון** דאָ, לערנט דער "קדושת לוי" (לפורים, קדושה שלישית) ווי גרויס ס'איז דער כח פון די תפילות פון אידישע קינדער, ווייל מיר זעהען דאָך אַז אפילו אַ גזירה וואָס איז געשריבן און פאַרזיגלט געוואָרן מיט'ן קעניג'ס זיגל, קען מען נאָך צערייסן און בטל מאַכן, מיט אַן אמת'דיגן געשריי פון טיפן האַרצן.

**אויך** לערנען מיר פון דעם, אַז די גזירות זענען בטל געוואָרן נאָר מיט'ן כח פון אַ תפילה אויף דער וועלט, ווייל אַלע "שבעה רועים" האָבן נישט באַוויזן ממתיק צו זיין די גזירה, נאָר מיט'ן כח פון מרדכי וואָס האָט מתפלל געווען פאַר זיי אויף דער וועלט, און עס האָט אויך נישט געהאָלפן דאָס וואָס די תורה האָט זיך איינגעהילט אין אַ זאַק, און די אבות הקדושים האָבן מפציר געווען בתפילה אויפ'ן עולם העליון, ווייל נאָר די תפילות פון כלל ישראל אויף דער וועלט, קענען פועל'ן ישועות און בטל מאַכן אַלע שלעכטע גזירות.

**דער** עיקר דאַרף יעדער איינער וויסן אַז אויך זיין תפילה איז אין דעם כלל, און אַזוי שטייט בפירוש אין תנא דבי אליהו (זוטא, פ"ו) אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט צו משה, ווען איך זעה מענטשן, אפילו אויב זיי האָבן נישט קיין תורה און מעשים טובים - נישט זיי, און נישט זייערע עלטערן - נאָר אין זכות פון דעם וואָס זיי שטייען און פאַרמערן צו בעטן תחנונים פאַר מיר, העלף איך זיי און איך דאָפּל זייער פרנסה, עכ"ל. פון דעם זעהען מיר, אַז אויך די תפילה פון אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אַ נידעריגן מצב, ווערט געענטפערט פון הימל, ווייל תפילה אַליין איז גענוג צו ערפילן דעם מענטשן'ס באַגערן.

**אויך** שטייט אין תנא דבי אליהו (רבה פרק כ'), אַז המן איז געבוירן געוואָרן ווייל זיין זיידע, אגג, האָט געוויינט אין תפיסה: ווי איז צו מיר אַז עס וועט נישט בלייבן פון מיר קיין קינדער, און וועגן די טרערן וואָס ער האָט געוויינט איז געבוירן געוואָרן המן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, אגג איז געווען אַ רשע, און ער איז אַרעסטירט געוואָרן דורך שאול המלך, פאַרוואָס האָט אגג פאַרדינט אַזאַ שכר, אַז ווייל ער האָט געוויינט אין תפיסה איז ביי איהם געבוירן געוואָרן המן הרשע?

**ווערט** געברענגט אויף דעם אַן ענטפער, אַז דאָס קומט אונז צו לערנען דעם כח פון תפלה און פון טרערן, אַז אַפילו אַזאַ רשע ווי אגג, אַז ער האָט געוויינט האָט מען אין הימל געהערט זיין געוויין. פון דעם לערנען מיר, אַז אויב אַ איד וויינט זיך אויס ביים דאַווענען, על אחת כמה וכמה אַז דער אויבערשטער נעמט אָן זיין תפלה.

#### ונתנה תוקף קדושת היום - די קדושה פון יום טוב פורים

**עס** שטייט אין תשובות הרשב"א (ח"א, סי' צג) אַז פורים ווערט נישט געמאַסטן לויט די מעשים פון אידן אין יענעם דור, נאָר אַזוי ווי ס'איז געווען אין דער צייט פון מרדכי ואסתר, ממש אַזוי איז עס בזמן הזה.

**שרייבט** דער רשב"א, אַז אַ איד האָט איהם געפרעגט אויף די ווערטער פון מדרש (פיוט לשבת זכור) אַז אַפילו אויב אַלע ימים טובים וועלן בטל ווערן (לעתיד לבוא), אָבער די טעג פון פורים וועלן נישט בטל ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (אסתר ט, כח) "וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם". האָט יענער איד געפרעגט, ווי קען מען זאָגן אַז עס וועט בטל ווערן אַפילו איין אות פון דער תורה?

---

**כג.** די ספרים זאָגן בדרך רמז, אויפ'ן פסוק (אסתר ד, ז) "ואת פרשת הכסף אשר אמר המן לשקול על גנזי המלך ביהודים לאבדם", דאָס וואָרט "לאבדם", האָט די זעלבע אותיות ווי "לא בדם" (נישט מיט בלוט). מרדכי האָט געשיקט זאָגן פאַר אסתר, אַז די גזירה איז נאָך נישט פאַרזיגלט געוואָרן מיט בלוט, און ממילא, קען מען עס נאָך בטל מאַכן מיט תפילה און תחנונים.

**ענטפערט** דער רשב"א, אַז די חז"ל זאָגן דאָרט, רבי האָט געזאָגט, אויך יום כיפור וועט קיינמאָל נישט בטל ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (ויקרא טז, לד) "והיתה זאת לכם לחקת עולם". איז נאָך מער שווער, ווייל אויך ביי פסח שטייט "חקת עולם". ענטפערט דער רשב"א, אַז אַלע מועדים האָט דער אויבערשטער ברוך הוא נישט פאַרזיכערט אַז דער חטא וועט נישט גורם זיין חלילה אַז זיי זאָלן בטל ווערן, ווי דער פסוק זאָגט (איכה ב, ו) "שיכח ה' בציון מועד ושבת", דער אויבערשטער כביכול האָט געמאַכט פאַרגעסן אין ציון די ימים טובים און שבתים, אָבער וועגן פורים, האָט דער אויבערשטער פאַרזיכערט אַז עס וועט קיינמאָל זיך נישט אויפהערן פון די אידן. ער האָט געמאַכט אַ "הבטחה", נישט אַן "אזהרה", און דאָס זעלבע ביי יום כיפור, האָט דער אויבערשטער צוגעזאָגט אַז דער טאָג וועט מכפר זיין אויף די אידישע עבירות אַפילו אויב זיי וועלן עס נישט אָפּהיטן.

און רבי, וואָס ער זאָגט אַז אויך יום כיפור וועט נישט בטל ווערן, רעדט "לשיטתו", לויט זיין שיטה וואָס ער זאָגט אין די גמרא אַז יום כיפור איז מכפר "בין לשבים, בין לשאינן שבים" - סיי אויב מ'האָט תשובה געטוהן, סיי אויב מ'האָט נישט תשובה געטוהן - אָבער דער "חוקת עולם" וואָס שטייט ביי פסח, איז אַן "אזהרה", נישט אַ "הבטחה", ווי דער פסוק זאָגט (שמות יב, יד) "חוקת עולם תחגוהו ושמרתם לדורותיכם"[כד].

**ס'איז** באַקאַנט וואָס עס שטייט אין תיקוני זוהר (דף נז:) אַז די קדושה פון יום כיפור איז מעין פון די קדושה פון פורים, און דערפאַר ווערט עס גערופן "יום כפורים", מיט אַ "כ"ף הדמיון", ווייל עס איז "אַזוי ווי פורים"[כה].

**האָבן** צדיקים געזאָגט אויף דעם (דער הייליגער רוזינער זי"ע, און אַנדערע), חז"ל זאָגן (תענית ז.) "מי נתלה במי", ווער הענגט זיך אָן אין וועמען? "הוי אומר, קטן נתלה

---

**כד.** עס שטייט אין ספה"ק "בית אברהם", אַז זיין פאָטער, הרה"ק בעל "דברי שמואל" זי"ע פון סלאָנים, האָט דערציילט, אַז הרה"ק רבי ייבי זי"ע פון אוסטראה האָט געליטן פון גרויס אָרימקייט ל"ע, און פורים איז ער געזעסן אַליין ביי די סעודה. איין איד איז געקומען איהם דערפרייען, און דאָס איז געווען מרדכי אַליין. און ער האָט געזאָגט, מרדכי איז דער בעל שמחה פון פורים, און ער איז געקומען ערמוטיגן אַ איד וואָס וויל זיין בשמחה.

מ'דאַרף געדענקען, אַז די שמחה וואָס אידישע קינדער האָבן אין פורים, איז ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון המן און זיין באַנדע.

הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע האָט דערציילט, אַז זיין שווער, הרה"ק רבי איציקל פשעוואָרסקער זי"ע, פלעגט דערציילן, אַז הרה"ק רבי יאָסעלע טאָמאַשוב'ער זי"ע (פאָטער פון הרה"ק רבי יהושע'לע טאָמאַשוב'ער זי"ע), וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע און פון הרה"ק בעל "בני יששכר" זי"ע, איז געווען אַן איידים ביי אַ קרעטשמער, וואָס האָט געדינגען די קרעטשמע פונעם פריץ - ווי ס'איז געווען איינגעפירט יענע צייטן).

אַמאָל פורים ביינאַכט, איז רבי יאָסעלע געזעסן ביי זיך אין שטוב און געזינגען "שושנת יעקב" (דעמאָלטס האָט ער נאָך אַפילו נישט געהאַט אַ מנין), און אינמיטן זינגען, איז דער פריץ אַריינגעקומען אין שטוב פון זיין שווער, און ער האָט איהם באַפוילן צו זאָגן פאַר זיין איידים אַז זיין געזאַנג שטערט זיין מנוחה. איז דער קרעטשמער געגאַנגען צו זיין איידים, רבי יאָסעלע טאָמאַשוב'ער, און איהם געזאָגט ער זאָל אויפהערן זינגען. אינדערפרי, איז דער קרעטשמער אַריבערגעגאַנגען צום פריץ, און איהם איבערגעבעטן פאַר דעם וואָס מ'האָט איהם געשטערט נעכטן ביינאַכט. האָט דער פריץ איהם געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וועגן וואָס ער רעדט... ערשט דעמאָלטס האָט מען פאַרשטאַנען, אַז דער "פריץ" וואָס איז געקומען פורים ביינאַכט זאָגן אַז "מ'שטערט איהם", איז נישט געווען דער פריץ פון דאָרף, נאָר המן הרשע פאַרשטעלט אַלס דעם פריץ, איז געקומען אין דער געשטאַלט פונעם פריץ, זאָגן אַז רבי יאָסעלע שטערט איהם און ער זאָל אויפהערן צו זינגען...

זעהען מיר פון די מעשה, ווי ווייט דער "שושנת יעקב" פון רבי יאָסעלע טאָמאַשוב'ער האָט געשטערט פאַר המן הרשע, אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט געדאַרפט טוהן פעולות אַז רבי יאָסעלע זאָל אויפהערן זינגען.

**כה.** דער ווילנער גאון זצ"ל פלעגט טרינקען פורים אַ גאַנצן טאָג, זאָגנדיג, אַז ביי יעדן יום טוב פסק'ענט מען "חציו לה', וחציו לכם", אַ העלפט פון דעם יום טוב דאַרף מען אַוועקגעבן פאַר'ן אויבערשטען (מיט תורה ותפלה), און

בגדול", דער קלענערער הענגט זיך אָן אין אַ גרעסערן פון איהם. זעהען מיר דאָך דאָ אַ מורא'דיגע זאַך: די קדושה פון פורים איז גרעסער ווי יום כיפור[כו], דער הייליגסטער טאָג פון יאָר, וואָס דער פסוק זאָגט וועגן יום כיפור (יואל ב' יא) "כי גדול יום ה' ונורא מאד ומי יכילנו".

**נאָך** מער, לעתיד לבוא וועט דער גאַנצער מהות פון יום כיפור געענדערט ווערן צו זיין אַ טאָג פון עונג, אַזוי ווי דער טאָג פון פורים, ווי עס איז דאָס לשון פונעם זוהר הקדוש (דאָרט) "יום כיפורים, דעתידין לאתעננא ביה ולשנויי ליה מעינוי לעונג". אין יום כיפור,

---

די צווייטע העלפט דאַרף זיין געווידמעט פאַר גשמיות'דיגע באדערפענישן (עסן, טרינקען און שלאפן), און ממילא, אַז פורים און יום כיפור זענען ווי איין טאָג, איז מען מקיים "חציו לה'" אין יום כיפור, ווען מ'טאָר נישט עסן און טרינקען, און "חציו לכם" איז מען מקיים אין דעם טאָג פון פורים, דער טאג פון "משתה ושמחה".

דער משגיח פון דער פאָניעוועזשער ישיבה, הגה"צ רבי אליהו דעסלער זצ"ל, זאָגט ("מכתב מאליהו", אלול תשרי), אַ רייכער מאַן, פאָרט צו אַ קוראָרט זיך צו היילן, אָבער דער אָרימאַן, וועלכער האָט נישט קיין געלט צו פאָרן צו די בעדער אינעם קוראָרט, גייט אַריין אין אַפטייק און קויפט אַ קליין פלעשל מיט וואַסער פון די בעדער, און ער שמירט זיך אַרום, אַביסל דאָ, אַביסל דאָרט, און עס דאַכט זיך איהם אַז ער איז אַהין געפאָרן... דאָס זעלבע איז מיט'ן "רייכן מאַן" אין רוחניות, דאס איז אַן ערליכער איד. ווען עס קומען די געהויבענע טעג און זמנים, גייט ער אינגאַנצן אַריין אין די "קוואַלן", און ער "היילט זיך אויס" ברוחניות, אָבער דער "אָרימאַן" אין רוחניות, באַגעניגענט זיך מיט אַ קליינע התעוררות, ער "שמירט" אַביסל דאָ און דאָרט, און מיט דעם איז ער יוצא...

אין פוילן פלעגט מען זאָגן, אַז די גנבים דרייען זיך ביים פאָרט, וואו די רייכע לייט דרייען זיך מיט אַ סאַך געלט אין זייער באַזיץ. די גנבים פלעגן אַראָפוואַרפן אַ מטבע אויף דער ערד, און ווען דער עושר האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן די מטבע, און אַזוי האָט ער אויף אַ מינוט מסיח דעת געווען פון זיינע אוצרות, פלעגן די גנבים צוכאַפּן דעם אוצר און אַנטלויפן דערמיט. די דאָזיגע "קונץ" העלפט אָבער נאָר אויב דער עושר ווייסט נישט די "טריקס" פון די גנבים, ווייל דער וואָס איז אַ "מבין" אויף זייערע "שטיק", גיט זיך אַכטונג אויפ'ן שטאַרקסטן אופן, נישט נאָכצוגיין זייערע פאַלשע שפילערייען. ער איז נישט מסיח דעת פון זיין אוצר, און אַזוי בלייבט דער אוצר אין זיין רשות.

דער נמשל איז, ווען עס קומט אַ געהויבענער זמן, וואַרפט דער יצר הרע אַ "מטבע", מיט'ן ציל צו צעטומלען דעם מענטש, אַז ער זאָל פאַרגעסן פונעם עיקר, און נישט אויסנוצן ווי עס דאַרף צו זיין די געהויבענע צייטן, און מיר זאָלן נישט מתפלל זיין פאַר'ן אויבערשטען. מיר דאַרפן נאָר ווייסן זיינע תחבולות, און זיך גאָר שטאַרק היטן פון איהם.

איין יאָר פורים, אינמיטן די "טרינק סעודה" ביים סלאָנימער רבי'ן, הרה"ק בעל "בית אברהם" זי"ע, איז אַ חסיד צוגעגאַנגען צום רבי'ן און געוויינט, אַז ער וויל תשובה טוהן. האָט דער "בית אברהם" איהם געזאָגט: "איך וויל דיך זעהן מאָרגן...".

לענינינו, האָבן די ווערטער פונעם "בית אברהם" אַ דאָפּלטן באַדייט און אַ טיפערע כוונה, אַז ס'איז נישט גענוג וואָס דער מענטש ווערט נתעורר צו תשובה אין דעם טאָג פון פורים זעלבסט, נאָר מ'דאַרף אויך צומאָרגנס זיך שטאַרקן אין תורה און עבודה.

ענליך האָט פּאַסירט ביי הרה"ק רבי מאָטיל סלאָנימער זי"ע. אַ איד האָט זיך אויסגעוויינט ביי די "טרינק סעודה", אַז רבי מאָטיל זאָל איהם אויסלערנען ווי אַזוי תשובה צו טוהן. האָט רבי מאָטיל איהם געזאָגט:

- הער מיך אויס, גיי רוה זיך אויס, און ווען דו וועסט זיך 'אויסשוכען' פונעם וויין, זאָלסטו צוריקקומען צו מיר און איך וועל דיך לערנען אַ וועג פון תשובה. איך האָף אַז דעמאָלטס וועסטו געדענקען וואָס דו האָסט גערעדט צו מיר היינט...

**כו.** הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זי"ע שרייבט ("פרי צדיק", שמות, פורים א, ד"ה "ואיתא בתיקוני"), וועגן דעם וואָס מ'זאָגט נאָך פון צדיקים אַז פורים איז אין דער בחינה פון יום כיפור, און עס ווערט גערופן "יום כפורים", אַזוי ווי פורים וכו', און פונקט ווי ביי יום כיפור ווייסן מיר אַז "עיצומו של יום מכפר", אַזוי אויך ביי פורים, איז "עיצומו של יום" מאַכט די מחיית עמלק, נאָר דער מענטש דאַרף געדענקען אַז היינט איז יום כיפור, און אויך אַז היינט איז פורים, ע"כ.

אויף אַן אַנדערן אופן, האָט גע'דרש'ענט הרה"ק רבי קלונימוס קלמן זי"ע פון פיאַסעצנע, בעל "חובת התלמידים", אינמיטן ברען פון דער ביטערער צווייטער וועלט מלחמה, דעם ענין וואָס יום כיפור איז אַזוי ווי פורים, ווי פאָלגענד:

וועט מען לעתיד האָבן אַ תענוג, און עס וועט ווערן פון אַן "עינוי" צו אַן "עונג".

**אַ** זכר דערצו ברענגט הרה"ק בעל "אמרי נועם" זי"ע פון דזיקוב (פרשת זכור, ד"ה "בפסוק וכיפר אהרן"), פון פסוק (שמות ל, י) "וכיפר אהרן על קרנותיו אחת בשנה, מדם חטאת הכיפורים אחת בשנה יכפר עליו לדורותיכם". דער פסוק זאָגט צוויי מאָל די צוויי ווערטער "אחת בשנה", ווייל עס זענען דאָ צוויי ספעציעלע טעג אינעם יאָר, איין טאָג איז יום כיפור, וואָס עס שטייט ביי איהם "מדם חטאת", און דער צווייטער טאָג איז פורים, וואָס ווערט גערופן "אחת בשנה", אויך אָן שפריצן דאָס בלוט, און וועגן ביידע טעג - יום כיפור און פורים - זאָגט דער פסוק "יכפר עליו לדורותיכם".

**דער** טשאָרטקוב'ער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, ברענגט ("ישמח ישראל", טשאָרטקוב, פורים שנת תרפ"ד) אין נאָמען פון זיין זיידן, דער הייליגער רוזינער זי"ע, אַז מיט דעם איז גרעסער די מעלה פון פורים ווי יום כיפור, ווייל יום כיפור איז מכפר נאָר אויף מענטשן וואָס טוען תשובה (ווי די רבנן האַלטן אין יומא דף פה:, און זעה רמב"ם, הלכות תשובה, פ"א, ה"ג).

**זאָגט** דער טשאָרטקוב'ער רבי, אַז ביי פורים זאָגן חז"ל (מגילה ז.) "קיימו למעלה מה שקבלו למטה", און וויבאַלד מ'האָט גענומען אויף זיך "למטה" - אויף דער וועלט - צו געבן געלט (צדקה) פאַר יעדן איינעם וואָס בעט, אַפילו אויב ער איז נישט ראוי, ווייל מ'איז דאָך נישט מדקדק פורים מיט'ן געלט צו זעהן אויב דער מקבל איז ראוי, נאָר יעדער וואָס שטרעקט אויס זיין האַנט צו נעמען, גיט מען איהם (או"ח סי' תרצ"ד, ס"ג), און וועגן דעם, האָט מען אויך "למעלה" - אין הימל - "גענומען" אויף זיך מקיים צו זיין די דאָזיגע הלכה, און דער אויבערשטער איז מוחל די עבירות פון יעדן איינצלנעם איד, אין וועלכן מצב ער זאָל נאָר זיין (נאָר מיט איין תנאי: ער זאָל כאָטש זיין אַ "פושט יד", אָנצונעמען די מחילה), עיי"ש[כז].

---

מ'קען זאָגן אויף די ווערטער פון תיקוני זוהר אַז פורים איז אַזוי ווי יום כיפור, ווייל פונקט אַזוי ווי יום כיפור, פאַסט מען און מ'טוט תשובה אין הייליגן טאָג, סיי אויב מ'וויל תשובה טוהן, סיי אויב מ'וויל נישט תשובה טוהן, איז מען עס מקיים ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן, דאָס זעלבע בנוגע די שמחה אין פורים, נישט נאָר אויב דער מענטש איז אַליין בשמחה, אָדער ער איז כאָטש אין אַ מצב וואָס ער קען זיך פרייען, דאַרף ער זיין בשמחה, נאָר אפילו אויב ער איז חלילה אין אַ נידעריגן מצב און ער האָט אַ צובראָכן האַרץ, דער מח און דער גאַנצער גייסט איז "צעטראַסקעט" ח"ו, איז עס אַ געזעץ פון באַשעפער אַז כאָטש אַ פונק פון שמחה דאַרף אַריינקומען אין זיין האַרץ.

דער "שפת אמת" (פורים תרל"ט) זאָגט, עס שטייט אין זוהר הקדוש, אַז פורים איז מען מתקן דורך עונג, דאָס וואָס מ'איז מתקן אין יום כיפור דורכ'ן פאַסטן. שרייבט דער "שפת אמת", אַז פונקט ווי ביי יום כיפור איז פאַרטיג געוואָרן די כפרה און דער אויבערשטער האָט דעמאָלטס געזאָגט "סלחתי", דורך די תשובה אין די פערציג טעג פריער, וואָס אויף דעם האָט מען מתקן געווען די טעג פון חודש אלול צו תשובה מיראה, אַזוי אויך אין חודש אדר, טוט מען תשובה מאהבה און מיט שמחה, און וויבאַלד מ'איז מתקן די מעשים, וועגן דעם איז דאָ אַ מצוה פון טרינקען און פרייען זיך אין פורים.

ווי ווייט עס דערגרייכט דער כח פון פורים, קען מען זעהן אויך פון די ווערטער פון "משנה ברורה" (סי' צ', ס"ק כח), עס שטייט אין תשובות רדב"ז, אַז אַן אַרעסטאַנט אין תפיסה וואָס דער שר האָט איהם געגעבן רשות צו דאַווענען איין טאָג בציבור, ער קען זיך אויסקלייבן וועלכן טאָג ער וויל, זאָל ער דאַווענען תיכף, יענעם טאָג ווען מ'האָט איהם ערלויבט צו דאַווענען בציבור, און ער זאָל נישט "פאַרזויערן" די מצוה, צו וואַרטן אויף יום כיפור, אָדער אויף פורים, עכ"ל. דער רדב"ז שרייבט נישט "יום כיפור אָדער ראש השנה", נאָר "יום כיפור, אָדער פורים". זעהען מיר פון דעם ווי גרויס עס איז דער כח פון תפילה אין דעם הייליגן טאָג פורים.

**כז.** מ'קען זאָגן בדרך צחות, דער אויבערשטער איז דאָך מקיים די מצוה פון "משלוח מנות" דורך משפיע זיין גוטע השפעות אין דעם טאָג פון פורים פאַר אידישע קינדער, און די וועלט פירט זיך אַז מ'שיקט "משלוח מנות" אין שיינע כלים, און מ'לאָזט איבער די כלי ביי דעם צו וועמען מ'האָט געשיקט דעם "משלוח מנות" (אַנדערש ווי אַ גאַנץ יאָר, ווען דער וואָס באַקומט אַ מאכל פון זיין שכן וכדומה, נעמט ער דעם מאכל און ער שיקט צוריק די כלי אין וועלכע מ'האָט געלייגט

**צדיקים** האָבן געזאָגט ("דברי שמואל", לפורים) אַ רמז אויף די ווערטער פון פייטן (שושנת יעקב) "וגם חרבונה זכור לטוב". "חרבונה" פון לשון "חורבן", דאָס איז אַ רמז, אַז אפילו דער וואָס איז חלילה "חרוב" ברוחניות, "זכור לטוב", ווערט ער דערמאנט צום גוטן אין דעם טאָג פון פורים[כח].

**אַזוי** זאָגט דער שינאָווער רב זי"ע ("דברי יחזקאל", פורים, ד"ה "חייב איניש"), אַז אין פורים, "יש ביד כל יהודי את הכוח שיש לכהן גדול לפני ולפנים בקודש הקדשים". יעדער איד האָט דעמאָלטס דעם כוח וואָס דער כהן גדול האָט יום כיפור ווען ער טוט די עבודה "לפני ולפנים", אין קודש הקדשים.

**ענליך** זאָגט דער "שפת אמת" (פורים, תרנ"ז), און ער לערנט עס אַרויס פון פסוק (ויקרא טז, ב) "ואל יבוא בכל עת אל הקודש", נאָר אין יום כיפור, אָבער בײַ פורים שטייט (אסתר ד, טז) "ובכן אבוא אל המלך אשר לא כדת", אַז מ'קען "אַריינקומען" אין קודש הקדשים (דאָס הייסט, משיג זיין די קדושה וואָס דער כהן גדול האָט משיג געווען אין קודש הקדשים), אפילו אויב עס איז נישט יום כיפור.

**אַזוי** זאָגט אויך דער "חתם סופר" (דרשות, ח"א, דף קנו: ד"ה "אלא"), אַז פורים איז באמת אַ גרויסער יום טוב, הן לענין קבלת התורה ברצון, איז עס חשוב'ער ווי דער יום טוב שבועות, ווייל שבועות האָבן די אידן מקבל געווען די תורה געצוואונגענערהייט, אָבער פורים האָבן אידן מקבל געווען די תורה פון זייער אייגענעם ווילן (שבת פח.), און סיי לגבי די גאולה פון טויט צו לעבן, איז פורים מער ווי גאולת מצרים, וואָס איז געווען "מעבדות לחירות", פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, אָבער פורים איז געווען פון טויט צו לעבן.

**דער** "חתם סופר" פירט אויס: "על כל פנים בהא סלקינן, דפורים עדיף וקדוש מפסח ושבועות". - ביי דעם בלייבט עס, אַז פורים איז שטאַרקער און הייליגער ווי די ימים טובים פסח און שבועות[כט].

---

דעם מאכל), דאָס זעלבע ווען דער אויבערשטער גיט השפעות טובות פאַר אידן אין פורים, גיט ער זיי אויך די "כלים" אַז זיי זאָלן קענען אַריינעמען אין זיך די השפעות און עס זאָל פאַרבלייבן ביי זיי.

**כח.** עס האָט אונז דערציילט אַ מרביץ תורה, אַז אין זיין ישיבה האָט געלערנט אַ בחור וואָס איז ליידער געפאַלן און געגאַנגען מטה מטה רח"ל אין יראת שמים, און ער האָט שוין געהאַט סימנים אַז דער בחור לייגט שוין נישט קיין תפילין. אַמאָל פורים, איז דער מרביץ תורה אַריינגעגאַנגען אין שול, ער האָט געעפענט דעם ארון קודש און האָט זיך אויסגעוויינט דאָס האַרץ פאַר דעם באַשעפער, אַז יענער בחור זאָל צוריקקומען צום גוטן וועג. ביז אַ קורצע צייט, האָט דאָס האַרץ פון דעם בחור זיך איבערגעדרייט, ער האָט אָנגעהויבן לערנען בהתמדה, און האָט זיך שוין פאַרהערט גאַנצע מסכתות. דער גאַנצער שטאַב פון דער ישיבה לויבט איהם שטאַרק אַלס איינעם פון די בעסטע בחורים אין ישיבה. די איינציגע הסבר פאַר דעם "שינוי לטובה" וואָס איז אַריינגעקומען אין דעם בחור, איז נאָר אַז די תפילות וואָס דער מרביץ תורה האָט מתפלל געווען אין פורים, האָבן געברענגט די געהעריגע פעולה לטובה.

**כט.** איין יאָר פורים, האָט אאַ"ז הרה"ק רבי שמעון נתן נטע מלעלוב זי"ע (בן הרה"ק רבי דוד צבי שלמה זי"ע מלעלוב, באַקאַנט אַלס רבי דודל פון ירושלים), זיך פאַרשפּאַרט אין צימער לאַנגע שעה'ן. אינדרויסן האָט געוואַרט אַן עולם חסידים, אַריינצוקומען מיט "משלוח מנות" פאַר'ן רבי'ן, אָבער ס'איז געוואָרן שפּעטער, און רבי שמעון קומט נישט אַרויס פון צימער. צווישן די חסידים וואָס האָבן דאָרט געוואַרט, איז אויך געווען החסיד המפורסם רבי מתתיהו דייטש זצ"ל, און זעהענדיג דעם גרויסן עולם וואָס האָט געוואַרט, האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, געעפענט די טיר און איז אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן. נאָכ'ן פאַרענטפערן זיך אַז ער שטערט דעם רבי'ן, האָט ער איהם געזאָגט אַז עס וואַרט אינדרויסן אַ גרויסער עולם. האָט הרה"ק רבי שמעון איהם געזאָגט שאַרף: "די עבודה פון גאַנצן יאָר, קומט דאָך פון דעם טאָג פון פורים. דאָס ווילן זיי אַוועקנעמען פון מיר?!...". - און ער האָט איהם באַפוילן אַרויסצוגיין פון צימער, און פאַרמאַכן די טיר נאָך זיך.

אַזוי האָט זיך אויך געפירט אאַ"ז הרה"ק רבי משה מרדכי מלעלוב זי"ע, אַז ער האָט געזאָגט אַ סאַך תהלים אין טאָג פון פורים.

די גמרא דערציילט (מגילה ז:) אַז רבה און רבי זירא האָבן געגעסן די סעודת פורים צוזאַמען. "קם רבה ושחטיה לרבי זירא", ווען רבה איז געוואָרן מבוסם, האָט ער גע'שחט'ן רבי זירא. דערציילט די גמרא ווייטער, צומאָרגענס האָט רבה מתפלל געווען אויף רבי זירא, און ער איז צוריק לעבעדיג געוואָרן.

**פרעגט** דער "אמרי נועם" (לראש חודש אדר, ד"ה או יאמר בהקדם), די הייליגע גמרא איז דאָך נישט אַן אָרט פאַר סיפורי צדיקים, פאַרוואָס דערציילט די גמרא די דאָזיגע מעשה?

**זאָגט** דער "אמרי נועם", אַז די גמרא וויל אונז לאָזן הערן דעם כח פון דעם הייליגן טאָג פורים, אַז מ'קען מחיה מתים זיין אין דעם טאָג פון פורים.

**לויט** דעם טייטשט ער די ווערטער פון די חז"ל (ביצה טו:) "הרוצה שיתקיימו נכסיו, יטע בהן אדר", דער וואָס וויל זיין פאַרמעגן זאָל זיך האַלטן, זאָל איינפלאַנצן אַן אדר, ווייל די גמרא זאָגט דאָך "קם רבה ושחטיה לרבי זירא", און אויף "ושחט אותו" (ויקרא א, יא) זאָגט דער תרגום: "ונכס יתיה". דאָס איז מרומז אין די ווערטער פון דער גמרא: "הרוצה שיתקיימו נכסיו", דער וואָס וויל גורם זיין "תחיית המתים" ("נכסיו" איז פון לשון שחט'ן), "יטע בהן אדר", קען ער דאָס פועל'ן אין פורים, וואָס איז אין חודש אדר.

**ווען** עס האָט פאַסירט דער נס פורים, איז געווען אַ גרויסע שמחה אין הימל ביים באַשעפער כביכול, ווי דער "שפת אמת" זי"ע (פורים תרנ"ב) איז מדייק פון לשון פון פסוק (אסתר ט, יח) "ועשה אותו יום משתה ושמחה", אַז דער פסוק זאָגט אַ לשון יחיד, "ועשה" ("ער" האָט געטוהן), כאָטש ער רעדט וועגן די אידן, וואָס עס וואָלט געדאַרפט שטיין בלשון רבים, "ועשו", און פאַרוואָס שטייט עס בלשון יחיד?

**זאָגט** דער "שפת אמת", אַז דאָס גייט אַרויף אויפ'ן אויבערשטען, וואָס ער האָט געמאַכט דעם טאָג פאַר אַ "יום משתה ושמחה", "שהיה שמחה לפניו במרום שניצולו בני ישראל מאותה הגזירה שהיה נגזר גם בשמים" - ווייל עס איז געווען אַ גרויסע שמחה אין הימל ביים באַשעפער אַז די אידן זענען געראַטעוועט געוואָרן פון די גזירה וואָס איז אַרויס אויך אין הימל, ווי עס שטייט אין מדרש. דעריבער, ווען די גזירה איז בטל געוואָרן דורך דעם וואָס אידן האָבן תשובה געטוהן און עס איז געוואָרן איבערגעדרייט צום גוטן, האָט דער אויבערשטער זיך געפרייט, ווי די חז"ל זאָגן (פסחים קיט.) "למנצח, למי שנוצחין אותו ושמח", דער אויבערשטער כביכול פרייט זיך ווען מען "באַזיגט" איהם כביכול מיט דעם וואָס מ'מאַכט בטל זיין גזירה[ל].

**ער** פירט אויס: אין די טעג פון פורים, פונקט ווי דער נס ווערט נתפרסם אויף דער וועלט, אַזוי דערמאַנט אין אויך אין הימל די נפלאות פונעם נס, און אויך אין הימל קומען די "כהנים אינמיטן זייער עבודה" הערן מקרא מגילה, עכ"ל.

---

פון זיי דאַרפן מיר זיך לערנען מרבה צו זיין בתפילה ובתחנונים אין דעם הייליגן טאָג פורים, ווייל עס איז אַ זמן ווען מ'קען מעורר רחמים זיין ביים באַשעפער פאַר זיינע באַליבטע קינדער, די אידן.

**ל.** אין סלאָנים האָט מען געזאָגט, אַ קעניג האָט זיך געדאַרפט אַריבערציען פון איין פאַלאַץ צום אַנדערן, און מען דאַרף אַריבערפירן אַלע חפצים פון די משפחת המלוכה. ווי אַזוי קען מען אַריבערפירן אַלע פאַפּירן פונעם קעניג, וואו ס'זענען פאַראַן אויך סודות פון דער מלוכה? אָבער מען האָט זיך אַן עצה געגעבן, איך שלא יהי', האָט מען אַלעס אַריבערגעפירט צום נייעם אָרט. אָבער דער עיקר פחד ביי די משרתים, איז געווען ווי אַזוי מען קען אַריבערפירן צום אַנדערן פלאַץ דעם קעניג'ס קרוין! אַלע משרתים האָבן דאָך מורא, אַז זיי זאָלן נישט צוברעכן די קרוין פונעם קעניג! ווי אַזוי פירט מען עס אַריבער?

האָבן זיי באַשלאָסן אַריינצולייגן די קרוין אין אַ פשוט'ן וואָגן, און דאָרט איידלערהייט אַרויפגעלייגט די קרוין, זיי האָבן עס צוגעדעקט מיט שמאַטעס, כדי קיינער זאָל זיך נישט כאַפּן אַז דאָרט פירט מען דעם קעניג'ס כתר מלוכה.

דאָס איז דער ענין פון פורים. דער טאָג איז דער "כתר", די קרוין פון דעם באַשעפער, ווי דער אריז"ל שרייבט אַז דאָס וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי "כתר" אין יום כיפור, טוט זיך אָפּ אין פורים אין משך פון גאַנצן טאָג! נו, אַז

**מקרא מגילה - ביי מגילה לייענען קומט אַראָפּ א שפע פון רחמים און חסדים**

**עס** איז באַקאַנט אַז ווען מ'לייענט די מגילה אין פורים, איז אַ זמן פון "רעוא דרעוין", עס איז אַ גרויסער עת רצון אין הימל. די קריאה פון די מגילה איז מעורר אַ גרויסע השפעה פון רחמים וחסדים אין הימל. די גאַנצע שפע וואָס ווערט נשפע אין דעם טאָג פון פורים ווערט נתגלה ווען מ'לייענט די מגילה.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט דער "חתם סופר" (דרשות, קסד.): וויבאַלד אין דער צייט פון משה רבינו ע"ה, האָבן די אידן מקבל געווען די תורה געצוואונגענערהייט, און שפעטער אין דער צייט פון אחשוורוש האָבן זיי עס מקבל געווען ברצון (שבת פח.), קומט אויס אַז דער אור וואָס געפינט זיך אין דער מגילה, איז אַפילו מער ווי דער אור אין דער תורה אַליין, עכ"ל.

**דער** "יערות" דבש זאָגט (ח"א, דרוש ג') דאָס מגילה-לייענען זאָל נישט זיין אין אייערע אויגן ווי אַ "ספר זכרונות", מיט דערציילונגען פון דעם וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אונזערע עלטערן, ווי סתם אַ "סיפור דברים", ווייל אויב יאָ, וואָלטן חז"ל נישט באַפוילן צו לייענען די מגילה צוויי מאָל. נאָר באמת ווערט נמשך אַ גרויסער תועלת פון די מגילה, אין צוגאָב צו די פילע סודות וואָס זענען באַהאַלטן דערין, און די בעלי חן וסוד האָבן שטאַרק מפליג געווען צו רעדן וועגן די מגילה, און דערפאַר ווערט עס גערופן "מגילת אסתר", ווייל עס האָט אַ סאַך באַהאַלטענע סודות, און "סתרי מעשי בראשית"... אייערע אויערן האָבן געהערט די טיפקייט פון דער מגילה, און מ'דאַרף זיך אַראָפּלערנען דערפון גאָר אַ סאַך מוסר ווי אַזוי זיך צו פירן, "אשר יעשה אותם האדם וחי בהם".

**דער** "דרכי משה" הארוך שרייבט (סי' תרצ"ג, ס"ד) אַז אויב מ'דאַרף מל'ען אַ קינד אין פורים, זאָל מען קודם מל'ען דאָס קינד, און דערנאָך זאָל מען לייענען די מגילה, כדי דאָס ניי-געמל'עטע קינד זאָל שוין אויך זיין אין דעם כלל פון "יהודי", וואָס מיר זאָגן "ליהודים היתה אורה". דאָס מיינט, אַז אַלעס וואָס מ'זאָגט אין

---

מיר האָבן אַזאַ גרויסן כח אין דעם טאָג פון פורים, וועט אַ מענטש אַרויפגיין אויפ'ן הר הזיתים אָדער אויפ'ן הר המנוחות, און ער וועט דאָרט וועלן מאַכן "סדר", דורך מאַכן לעבעדיג די נפטרים, וועמען ער וויל... וועגן דעם האָט מען אַרויפגעלייגט דעם "כתר" פון באַשעפער כביכול, אויף אַ "פשוט'ן וואָגן". דער נמשל איז, פורים מאַכט מען נישט קיין קידוש אָדער הבדלה, מ'זאָגט נישט "אתה בחרתנו", ווי אין די ימים טובים, אַלעס איז פאַרשטעלט, כדי מ'זאָל נישט פאַרשטיין אַז מ'פירט אַריבער דעם "קרוין" פונעם מלך מלכי המלכים הקב"ה.

אויב דער מענטש האָט אָבער שכל, און ער פאַרשטייט אַז אין דעם טאָג איז באַהאַלטן אַ גרויסער "כתר", מאַכט ער פאַר זיך אַ שטיקל סדר, ווי אַזוי זוכה צו זיין צו גרויסע השפעות אין דעם הייליגן טאָג פון פורים.

עס ווערט געברענגט אַ משל, אַ קעניג איז אַמאָל אַרויס אויף דער גאַס, זייענדיג פאַרשטעלט אַלס אַ פשוט'ער מענטש, און ער האָט אויסגערופן:

- אויב דער קעניג וואָלט דאָ געווען, און ער וואָלט געזאָגט, 'דו קענסט זיך אויסבעטן וואָס דו ווילסט' - וואָס וואָלסטו געבעטן?!

האָט איינער געענטפערט, ער וואָלט געבעטן אַ מיליאָן דאָלאַר. אַ צווייטער האָט געזאָגט, ער וואָלט געבעטן פונעם קעניג - אַ באַנק. אַ דריטער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געבעטן אַ ווילאַ... אַ פערטער האָט אָבער געענטפערט:

- דער קעניג איז נישטאָ, און איך בעט דיך, לאָז מיך במנוחה!

דער פאַרשטעלטער איז דאָך אָבער פאַקט געווען דער קעניג, האָט ער אויף צומאָרגענס אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו יעדן איינעם פון זיי, אַז ער וועט באַקומען דאָס וואָס ער האָט געפאָדערט: אַ מיליאָן דאָלאַר, אַ באַנק, אַ ווילאַ וכו'. דער פערטער האָט אָבער באַקומען אַ בריוו אין וועלכן עס איז געשטאַנען אויפגעשריבן: "היות דו האָסט געוואָלט האָבן מנוחה, קענסטו בלייבן במנוחת עולמים!".

לענינינו, מיר דאַרפן אַכטונג געבן אַז דאָס ווערטל זאָל נישט זיין נוגע צו אונז ביי דעם "פאַרשטעלטקייט" פון פורים, מיר זאָלן געדענקען אַז דעם קעניג'ס "קרוין" איז דאָ באַהאַלטן מיט אַ סאַך פאַרדעקונגען.

דער מגילה, זאָל שוין חל זיין אויך אויף דעם קינד וואָס איז גע'מל'עט געוואָרן.

**זעהען** מיר פון דאָ, אַז ווען מ'לייענט די פסוקים פון דער מגילה, ווערט נתעורר פונדאָסניי אַלעס וואָס עס האָט דעמאָלטס פּאַסירט, ווייל אויב נישט, פאַרוואָס דאַרף מען מל'ען דאָס קינד פאַר'ן לייענען די מגילה, מ'קען דאָך איהם מל'ען שפּעטער, (אויב דער פּסוק "ליהודים היתה אורה", גייט אַרויף נאָר אויף די אידן וואָס זענען געווען אין די טעג פון מרדכי ואסתר), **אלא מאי**, איז אַ ראיה אַז די קריאה - דאָס לייענען די מגילה - איז מעורר דעם זמן בפּועל ממש, און דער פּסוק "ליהודים היתה אורה ושמחה", גייט אַרויף אויך אויף די אידן אין אַלע דורות, און יעדער איז איז אויך היינט בכח זוכה צו זיין צו "אורה ושמחה" כפשוטו ממש. דערפאַר מל'עט מען דאָס קינד פריער, אַז אויך אויף איהם זאָלן חל זיין אַלע ברכות און השפעות טובות פון די מגילה.

**לויט** דעם קען יעדער איינער פאַרשטיין, אַז מ'טאָר נישט "בלייבן אינדרויסן" פון כלל ישראל ח"ו, נאָר מ'זאָל זעהן " זיך אַריינצוברענגען " אין כלל פון אַלע "יהודים".

**עס** שטייט אין ספה"ק "קב הישר" (סי' צט) אַז מ'קען זעהן די קדושה פון די ימים טובים, אין יעדן יום טוב זענען דאָ הייליגע קדושות און וואונדערליכע סודות, און דו דאַרפסט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ נייע וועלט אין הימל וואָס איז הייליג און פאַרכטיג. די דאָזיגע וועלט ווערט נישט אַנטפּלעקט אינדרויסן, צוליב זיין גרויסע קדושה, נאָר איינמאָהל אַ יאָר, און עס הייבט אָן דערהויבן צו ווערן ווען מ'הייבט אָן צו לייענען די מגילה. פון דער דאָזיגער וועלט, איז געווען דער שורש נשמה פון מרדכי הצדיק, און מיר דאַרפן מעורר רחמים זיין אַז די דאָזיגע וועלט זאָל נתגלה ווערן אינדרויסן, און עס זאָל משפיע זיין און אַרויפלייכטן אויף די קעפּ פון אידישע קינדער וואָס פאַרזאַמלען זיך צו הערן מקרא מגילה מיט אַ ריין האַרץ, און מיט אַ האַרץ פון כוונה.

**און** דאָס קען זיין איז די כוונה פון די ברכה, "אשר קדשנו במצוותיו וצונו על מקרא מגילה". דאָס וואָרט "מקרא" איז פון לשון צוגרייטונג, ווי דער פּסוק זאָגט (במדבר י, ב) "למקרא העדה ולמסע את המחנות"[לא], ווייל דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן מעורר צו זיין אונזער כוונה און אַרויסברענגען די גרויסע הארה אין דרויסן. אויף דעם זאָגן מיר "על מקרא מגילה", און דער ציבור ענטפערט "אמן" מיט גרויס כוונה[לב].

**עס** שטייט אין ספה"ק "בית אהרן" (לשבת זכור, סו:) אַז צדיקים האָבן געזאָגט, אַז זיי קוקן אַריין און זעהען אין דער מגילה אַלעס וואָס ווערט פאָרקומען אַ גאַנץ יאָר, און הרה"ק בעל "אמרי יוסף" זי"ע האָט געזאָגט, אַז ווען מ'לייענט די מגילה, עפענען זיך די טויערן פון גן עדן[לג].

**לא.** אויך דער "ישמח ישראל" (פּורים, סוף אות ג') טייטשט דאָס וואָרט "מקרא" מגילה פון לשון "הזמנה" - צוגרייטן, אַז אַלע אורות ווערן פאַרזאַמלט און צוגעגרייט ווען מ'לייענט די מגילה.

**לב.** ס'איז כדאי אַריינצוקוקן אינווייניג דאָרט אין "קב הישר", און דורכלערנען דעם גאַנצן פּרק, ווייל זיינע ווערטער צינדן אָן און זענען זייער שטאַרק מעורר דאָס האַרץ פון דעם וואָס לערנט דעם פּרק.

**לג.** דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל "מנחת אלעזר" זי"ע, האָט דערציילט, אַז מ'האָט אַמאָל אַרעסטירט דעם הייליגן רבי'ן ר' מענדעלע פון רימנוב זי"ע אין תפיסה, און די וועכטער פון טורמע האָבן ערלויבט אַריינצוברענגען צו איהם נאָר איין חפץ. ווען מ'האָט איהם געפרעגט וועלכן חפץ ער וויל האבן אין תפיסה, האָט דער רבי ר' מענדעלע געבעהטן אַ מגילת אסתר (כאָטש עס איז געווען אין די טעג פון חודש תמוז), וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט טינט אויף פאַרמעט.

ווען זיין תלמיד, דער ראָפּשיצער רב זי"ע, האָט געהערט דערפון, האָט ער אָנגעוואָרנט אַלע תלמידים אַז קיינער זאָל נישט וואָגן נאָכצוקומען די בקשה פונעם רבי'ן, ווייל אויב ער וועט באַקומען די מגילה, קען ער חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט, און עס צוריקברענגען צו "תהו ובהו".

ביים דערציילן די מעשה, האָט דער מונקאַטשער רב צוגעגעבן, אַז פון דעם זעהט מען די גרויסע סגולה פון מגילה-לייענען, ווייל די חז"ל זאָגן דאָך (מנחות עב.) "חביבה מצוה בשעתה", און אויב דער רבי ר' מענדעלע פון רימנוב איז געווען בכח צו פּועל'ן אַזעלכע מורא'דיגע פּעולות דורך לייענען די מגילה אין חודש תמוז, ווען עס איז נישט

**דער** הייליגער ווילעדניקער זי"ע שרייבט, אין ספה"ק "שארית ישראל" (שער הזמנים, שער ב', פורים, ד"ה "אף") אַז אין מגילה לייענען איז דאָ אַ תיקון פאַר אַלע "גילויים" - אויך פאַר גילוי עריות רח"ל, ווייל ווען מ'לייענט די מגילה, איז דער אויבערשטער מוחל די עבירות פון אַלע אידן, אויך די האַרבסטע עבירות[לד], און ער גיט-צו, אַז ס'איז מעגליך אַז דאָס איז מרומז אין די אותיות "מגילה".

**אויך** בגשמיות, ווערט נשפע אַ גרויסע שפע בשעת'ן מגילה-לייענען, ווי דער "תפארת שלמה" שרייבט (רמזי פורים, ד"ה בגמרא מגילה רב יוסף אמר) אַז דאָס וואָרט "מגילה" (אָן דעם אות יו"ד) באַטרעפט 78, אַזוי ווי דאָס וואָרט "מזלא". דאָס לערנט אונז, אַז ביי מגילה לייענען קען מען אויס'פועל'ן אַ גרויסע שפע פון בני, חיי, ומזוני, ווייל די גמרא זאָגט דאָך (מו"ק כח.) "בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מילתא אלא במזלא תליא מילתא", און אויב אַזוי, קען מען אין דער צייט אַלעס איבערדרייען פון שלעכטן צום גוטן.

**צדיקים** האָבן אויך געזאָגט, אַז ווען מ'לייענט די מגילה קענען חשוכי בנים געהאָלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים (אין דעם כלל זענען אויך די מענטשן וואָס ליידן פון צער גידול בנים ל"ע, אַז זיי קענען זוכה זיין צו זעהן נחת דקדושה פון זייערע קינדער), און דאָס איז מרומז אין אָנהייב און אין סוף פון די מגילה, ווייל די מגילה פאַנגט זיך אָן מיט'ן וואָרט "ויהי", וואָס איז אַ לשון פון צער (מגילה י:), און עס ענדיגט זיך מיט'ן פסוק "דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל זרעו", ווייל מ'קען זוכה זיין צו "ונהפוך הוא", און איבערדרייען דעם צער צו אַ גרויסע שמחה, דורך געבוירן קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות[לה], אמן.

---

דער זמן פון קריאת המגילה, איז דאָך אַוודאי אַז מ'קען אויפבויען גאַנצע וועלט ווען מ'לייענט די מגילה בזמנה, אין דעם הייליגן טאָג פון פורים.

**לד.** עס איז ידוע אַז הרה"ק מסאַטמאַר זי"ע, פלעגט שטאַרק פאַראַרבייטן ביים מגילה לייענען. ביי דעם פסוק "ואני לא נקראתי לבא אל המלך זה שלשים יום", פלעגט ער פאַרגיסן בכיות נוראות. אַזוי אויך ביי דעם פסוק "ומרדכי לא יכרע ולא ישתחוה" (דער ענין פון "לא יכרע ולא ישתחוה" איז דאָך געווען ביים סאַטמאַרער רב ז"ל אַ "משפחה נאָמען"...) ער פלעגט עס זאָגן און איבערגעזאָגן, איינמאָל און נאָך אַמאָל, און ער האָט שפעטער געפרעגט (ברמיזה) צו ער האָט עס גוט אַרויסגעזאָגט דעם פסוק.

אויך האָט דער רבי זי"ע אַמאָל געזאָגט, אַז עס איז כדאי פאַר'ן מענטש אַדורכצוגיין אַלע שוועריגקייטן אין לעבן, כדי צו הערן איין מאָל לייענען די מגילה!

הרה"ק רבי יודע'לע זצ"ל פון דזשיקוב האָט דערציילט, אַז ער איז אַמאָל געווען ביי זיין זיידן הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זצ"ל, ביים מגילה לייענען. ווען דער "אהבת ישראל" האָט געלייענט הויך די מגילה, און איז צוגעקומען צום פסוק (אסתר ג, ג) "מדוע אתה עובר את מצות המלך", האָט רבי יודע'לע באַמערקט ווי איינער פון די חסידים, הרה"ח ר' שמואל אלי' שטערן ע"ה, האָט שטאַרק געוויינט ווען דער רבי האָט געזאָגט דעם פסוק "מדוע אתה עובר את מצות המלך"?!

רבי יודע'לע פלעגט צולייגן:

- איך האָב נישט געוואוסט אויף וועמען איך זאָל קוקן מער, צו אויף דעם זיידן, דער "אהבת ישראל", אָדער אויף ר' שמואל אלי', וואָס וויינט אַזוי ווען דער רבי שרייט אויס דעם פסוק "מדוע אתה עובר את מצות המלך"!

דורשי רשומות שרייבן, אַז אין וואָרט "מגילה" זענען מרומז די פינף מצוות היום אין פורים:

א) "מגילה" - קריאת המגילה.

ב) "מגילה" איז אותיות "גלימה" - אַ רמז אויף דעם וואָס מען פאַרשטעלט זיך מיט אַן אַנדער בגד אין פורים.

ג) "מגילה" איז אותיות "לגימה" - טרינקען, חייב אדם לבסומי בפוריא.

ד) "מגילה" איז אותיות "גמילה" - משלוח מנות.

ה) "מגילה" איז אויך אותיות "מילגה" - מתנות לאביונים.

**לה.** אַ איד האָט זיך אַמאָל אין פורים, מזכיר געווען פאַר'ן בעלזער רב הרה"ק מהר"א זי"ע, ער זאָל איהם אָנווינשן געהאָלפן צו ווערן מיט קינדער. האָט דער בעלזער רב געזאָגט, אַז פורים איז מסוגל אויף זרע של קיימא,

אַז דאָס מגילה-לייענען איז אַן ענין פון תפלה, קען מען אויך זעהן פון דעם וואָס די פוסקים שרייבן (או"ח סי' תרצ"ג ס"א, ובמשנה ברורה) אַז נאָך מגילה לייענען זאָגט מען "קדיש תתקבל", וואָס איז אַ בקשה אַז די תפילות זאָלן אָנגענומען ווערן. זעהט מען אַז דאָס גאַנצע מגילה לייענען איז אַ בקשה פאַר'ן באַשעפער, און אויף דעם זאָגן מיר "תתקבל צלותהון ובעותהון", אַז די תפילות וואָס זענען מרומז און באַהאַלטן אין לשון פון די מגילה, זאָלן אָנגענומען ווערן אין הימל[לו].

**משתה ושמחה - דער ענין פון 'טרינקן' אין פורים**

**אויף** דעם ענין פון סעודת פורים מיט וויין, האָט געזאָגט הרה"ק רבי ברוך'ל מעזיבוז'ער זי"ע (מובא בספה"ק "בוצינא דנהורא"), אַז עס איז מרומז אין פסוק (בראשית כא, ח) "ויעש אברהם משתה גדול ביום הגמל את יצחק", "הגמל" איז אותיות "מגלה", אַז אין דעם טאָג ווען מ'לייענט די מגילה, מאַכט מען אַ גרויסע סעודה.

**דער** בעלזער רב הרה"ק מהר"ש זי"ע האָט געזאָגט, אַז עס איז מרומז אין פסוק (שמות טו, כד-כה) "וילונו העם על משה לאמר מה נשתה, ויצעק אל ה' ויורהו ה' עץ". די אידן האָבן געפרעגט "מה נשתה" - ווען איז די ריכטיגע צייט צו טרינקען וויין, "ויורהו ה' עץ" - האָט דער אויבערשטער איהם אָנגעוויזן אויפ'ן טאָג פון פורים, וואו דער פסוק זאָגט וועגן המן (אסתר ה, ד) "ויעש העץ".

**הרה"ק** מסאטמאר זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער ענין פון טרינקען פורים איז מרומז אין פסוק (בראשית ט, כ) "ויחל נח איש האדמה ויטע כרם". רש"י זאָגט "ויחל" איז מלשון חול, ווי רש"י זאָגט, "ויחל - עשה עצמו חולין". "נח" איז מרמז אויף מנוחה. דאָס איז יום טוב, ווען מ'רוהט פון אַ מלאכה. קומט אויס אַז "ויחל נח" מיינט מען אַ יום טוב וואָס פאַלט אויס אינדערוואָכן. וועלכער יום טוב פאַלט אויס אינדערוואָכן? - פורים. "איש האדמה", פורים קען מען פועל'ן אויך ענינים פון גשמיות - "אדמה". ווען קען מען פועל'ן ישועות? אויף דעם פירט אויס דער פסוק: "ויטע כרם" - ווען מ'טרינקט וויין אין הייליגן טאָג פון פורים[לז].

**דער** קאָצקער רבי זצ"ל האָט געזאָגט אויף די משנה (ביצה פ"ה מ"ז) "אין משקין ושוחטין את המדבריות, אבל משקין ושוחטין את הבייתיות". מ'טרינקט נישט אָן אין יום טוב און מ'שחט נישט די בהמות וואָס געפינען זיך אין מדבר, אָבער מ'קען יאָ אָנטרינקען און

---

ווייל דער רבי פון לובלין זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער אויבערשטער איז מקיים די מצוה פון "משלוח מנות" דורך דעם וואָס ער גיט אַן "איש" - אַ קינד, "לרעהו" - צו די אידן.

**לו.** די גמרא זאָגט (מגילה ד.) אַז מ'דאַרף לייענען די מגילה ביינאַכט, און נאָך אַמאָל איבערלייענען בייטאָג, און די גמרא לערנט עס אַרויס פון דעם פסוק (תהלים כב, ג) "אלוקי אקרא יומם ולא תענה, ולילה ולא דומיה לי". נישט אומזיסט לערנען די חז"ל דאָס אַרויס פון אַ פסוק וועגן תפילה, ווייל מקרא מגילה איז אויך אַ תפילה, און די גאַנצע מגילה איז איין גרויסע "חטיבה" פון תפילה.

**לז.** הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע איז אַמאָהל פורים געווען ביים הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע. ביי די סעודת היום, האָט דער רבי ר' אלימלך אָנגעגאָסן אַ כוס פאַר רבי דוד'ל. האָט רבי דוד'ל געזאָגט אַז דער דאָקטאָר דערלויבט איהם נישט צו טרינקען וויין. האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט: "דער דאָקטאָר שלאָפט יעצט".

ביים טיש איז געזעסן הרה"ק רבי אלעזר ליזענסקער זי"ע, דער זוהן פון רבי'ן ר' אלימלך. האָט ער געזאָגט, אַז דאָס קען זיין די כוונה אין די ווערטער פונעם רמ"א (סימן תרצ"ה סעיף ב') אויף דעם וואָס דער מחבר שרייבט דאָרט "חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי", זאָגט דער רמ"א "ויש אומרים דאין צריך להשתכר כל כך, אלא שישתה יותר מלימודו, וישן, ומתוך שישן אינו יודע בין ארור המן לברוך מרדכי". "חייב אדם לבסומי בפוריא" מען דאַרף טרינקען פורים. וואָס טוט מען אָבער אויב דער דאָקטאָר לאָזט נישט דעם מענטש טרינקען? אויף דעם זאָגט דער רמ"א "ויש אומרים שיישן" - מ'זאָל זאָגן אַז דער דאָקטאָר שלאָפט יעצט, און ממילא מעג מען טרינקען...

ביי איינעם פון די באַזוכן פונעם הייליגן קאַרלינער הרה"ק רבי אברהם אלימלך זצ"ל הי"ד, אין ארץ ישראל, איז איינער פון די קאַרלינער חסידים פון ירושלים געגאַנגען צום דאָקטאָר מיט זיין טאָכטער וועלכע האָט זיך נישט גוט געשפּירט, און אויפ'ן וועג איז דער יונגערמאַן אַריינגעגאַנגען צום רבי'ן ר' אברהם אלימלך. האָט דער קאַרלינער אויסגעשריגן:

שחט'ן די בהמות וואָס געפינען זיך אין שטוב. אפילו לויט רבי יהודה, וואָס ער האַלט דעם דין פון מוקצה, מעג מען שחט'ן די בייתיות. פרעגט די גמרא, פאַרוואָס דאַרף די משנה זאָגן "משקין"? דער עיקר רבותא איז דאָך אַז מ'מעג אפילו שחט'ן די בייתיות? ענטפערט די גמרא, מילתא אגב אורחא קא משמע לן, ער וויל מיך לאָזן הערן אַ דרך ארץ, אַז איידער מ'שחט די בהמה, זאָל מען געבן צו טרינקען פאַר די בהמה, ווייל דעמאָלטס וועט זיין לייכטער אָפּצושינדן די הויט פון די בהמה נאָכ'ן שחט'ן.

**האָט** דער קאָצקער רבי געזאָגט בדרך צחות, אויב מ'טרינקט איז לייכט אָפּצושינדן פון זיך די אייגענע פעל[לח]...

**דער** חידושי הרי"ם זצ"ל זאָגט אַ מאמר נורא, "חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע" (מגילה ז:), ביים טרינקען פורים קומט מען אָן צו אַ מצב "עד דלא ידע" - צו די מדרגה וואָס אדם הראשון איז געווען פאַר דעם חטא עץ הדעת[לט].

**אָבער** טאַקע דערפאַר ווייל פורים איז אַזאַ געהויבענער זמן, דאַרף מען מער אַכטונג געבן און זיין געוואָרענט אין אַלעם וואָס מ'טוט אין דעם הייליגן טאָג, ווי דער חיד"א זצ"ל ברענגט אין זיין ספר "פני דוד" (פרשת אמור) בשם רבינו יהודה החסיד, אַ טעם פאַרוואָס דער כהן גדול איז אסור באלמנה, ווייל די גמרא זאָגט אין סוף פרק עשרה יוחסין, אַז מען האָט איבערגעגעבן דעם שם המפורש נאָר פאַר אַ מענטש וואָס איז געווען בשלימות סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לבריות. דער טעם פון דעם איז, ווייל מיט'ן שם המפורש קען מען דאָך חרוב מאַכן אַ גאַנצע שטאָט.

**זאָגט** דער חיד"א, דער כהן גדול אין יום כיפור האָט מכוין געווען דעם שם המפורש, ווי מיר זאָגן "והכהנים והעם העומדים בעזרה, כשהיו שומעים את השם מפורש יוצא מפי כהן גדול" וכו'. איז מען חושש אַז ער וועט הרג'ענען עמיצן מיט'ן שם המפורש כדי חתונה צו האָבן מיט זיין ווייב (און צוליב דעם האָט די תורה גע'אסר'ט פאַר אַ כהן גדול חתונה צו האָבן מיט אַן אלמנה, "שמא יתן עיניו באשת איש").

**זעהט** מען פון דעם, אַז כאָטש דער כהן גדול אין יום כיפור איז געווען אין דער העכסטער מדרגה, איז געווען אַ חשש "שמא יתן עיניו באשה אחת", און דערפאַר איז ער אסור באלמנה. אדרבה, וואָס גרעסער אַ מענטש איז, פאַרלייגט זיך דער יצר הרע נאָך מער אויף איהם, איהם צו מאַכן זינדיגן ח"ו, ווי די חז"ל זאָגן

---

- פורים, אַ דאָקטאָר?! פורים, איז משקה אַ רפואה! און ער האָט אויפ'ן אָרט אָנגעגאָסן אַ גלאָז מיט וויין, און באַפוילן צו געבן פאַר זיין טאָכטער צו טרינקען.

**לח.** מיר דאַרפן אָבער געדענקען, אַז מ'דאַרף נאָר אָפּשינדן די אייגענע פעל, נישט יענעמ'ס פעל...

ליידער זעהט מען אַ סאַך מאָהל מענטשן וואָס ווילן מקיים זיין "עד דלא ידע", אָבער זיי מאַכן פון יענעם אַן "עד דלא ידע", דורך איהם אַרויסנעמען פונעם דעת רח"ל.

הרה"ק בעל "אהבת ישראל" זצ"ל פון וויזניץ, האָט אַמאָל פורים געפרעגט אַ איד פאַרוואָס ער האָט געטרונקען אַזוי פיל וויין. האָט דער איד געענטפערט, "עד שטייט דאָך 'עד דלא ידע'...". האָט דער "אהבת ישראל" איהם געזאָגט:

- פון די ווערטער "עד דלא ידע", איז משמע אַז פריער איז געווען "ידע"...

אויך האָט ער געזאָגט, "עד דלא ידע" איז ראשי תיבות יד"ע, ווייל מ'דאַרף האָבן דעת צום "עד דלא ידע".

מ'דערציילט, אַז אין קראָקע איז געווען איין איד וואָס פלעגט דערמאָנען דעם עולם נאָך די פורים'דיגע סעודה, אַז מ'זאָל נישט פאַרגעסן צו דאַווענען מעריב. ווען דער רמ"א איז נסתלק געוואָרן אין ל"ג בעומר, און מען האָט געהאַלטן אַ הספד אויף דעם רמ"א, האָט מען דערמאָנט אויף איהם 33 שבחים. דער לעצטער שבח וואָס מ'האָט דערמאָנט וועגן דעם רמ"א, איז געווען אַז ער איז געווען דער מענטש וואָס האָט דערמאָנט דעם עולם אַז מ'דאַרף דאַווענען מעריב מוצאי פורים, נאָר ער האָט עס געטוהן בהצנע, אַז מען זאָל נישט דערקענען זיין גרויסקייט.

**לט.** דאָס ענין פון "חייב אדם לבסומי בפוריא" איז זייער גרויס. דער "ייטב פנים" זצ"ל זאָגט (פורים, דף נ. ד"ה "ובבזזה") אויף די ווערטער פון דער גמרא (עירובין פב: מגילה ז:) "רווחא לבסימא שכיח", אַז דורך ווערן מבוסם אין פורים, האָט מען גרויסע רווחים בכל העניינים.

(סוכה נב.) "כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו". אַזוי אויך וואָס העכער דער זמן איז, פאַרלייגט זיך דער יצר הרע מער אויפ'ן מענטש.

אַזוי האָט טאַקע געזאָגט הגאון רבי יחזקאל לעווענשטיין זצ"ל, דער משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, אַז די ווערטער פון דער גמרא "כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו", גייען אַרויף נישט נאָר אויף אַ מענטש וואָס איז גרעסער פון זיין חבר, נאָר אויך אויף אַ זמן וואָס איז העכער ווי אַנדערע זמנים, ווייל אין הויכע זמנים פאַרלייגט זיך דער יצר הרע מיט אַלע זיינע כוחות צו ברענגען דעם מענטש צו אַ טעות.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאָלן בקרוב זוכה זיין צו די גאולה שלימה, און דאַן וועלן מיר פאַרשטיין די טיפקייט פון דעם אויבערשטען'ס סודות, ווי דער קאָצקער רבי זי"ע האָט געזאָגט (אין אַ צייט פון דביקות), אַז פון אַלע אידישע צרות זענען געשריבן געוואָרן מגילות, מגילת אסתר אין די טעג פון אחשוורוש, און מגילת אנטיוכס אין דער תקופה פון די יוונים, און צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלעס איז געווען לטובה. זאָל דער אויבערשטער העלפן אַז מיר זאָלן שוין זוכה זיין צו זעהן די "מגילה" פון היינטיגן ביטערן גלות, און מיר זאָלן זעהן "עין בעין" ווי אַלעס איז געווען לטובה, בעגלא ובזמן קריב, אמן.